די וועלכע מען האָט אָנגעטרויט אָנצופירן מיט אונדזער געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אָרגאַניזם (און זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער שפּיץ) האָבן נישט דערפילט זייערע אויפגאַבן און נישט באַרעכטיקט דעם צוטרוי און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע מען האָט זיי געשענקט. זיי האָבן זיך איזאָלירט פון דעם אַרום, דעמאָלט ווען דאָס פאָלק איז ארייננגעוואַקסן אין דער נייער סביבה. זיי האָבן אפילו נישט געמאַכט קיין פּרוּוו צו אָנווייזן אונדז אַ וועג — אונדזערע אידייען און אונדזער דערציאונג זאָלן האָבן אַן אָפּקלאַנג, ביים יונגן דור. די קינדער האָבן גייסטיק געלעבט מיטן היינט און מיטן מאָרגן — מיר האָבן זיך עקשנותדיק געקלאַמערט אין נעכטן. דער נאָך־מלחמה פּעריאָד האָט נישט געשאַפן קיין גייסטיקע און פּאָליטישע פירער וואָס זאָלן אונדזער יונגיטשקער וועלטלעכקייט צענויפבינדן מיט דער וועלטלעכקייט, וועלכע עקזיסטירט אין דעם אַרום — און דאָך זאָלן מיר קאָנען איינהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט.

דערפאַר לײַדן מיר טאַקע; און דערפאַר — אויף דער עלטער — ראַנגלען מיר זיך נאָך אַלץ מיט די פּראָבלעמען, וועלכע די פירער האָבן געדאַרפט באַנעמען און נישט באַנומען, אַז:

אידייען און אינסטיטוציעס לאָזן זיך נישט איבערפלאַנצן פון איין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט אין אַ צווייטן, פון גאָר אַנדערע באַדינגונגען.

נאָך דרייסיק יאָר — שטייען מיר נאָך אַלץ ביים אָנהויב און זוכן נאָך אַלץ דעם וועג פאַר אונדזער קאָנטינואיטעט נישט ווי סתם יידן — נאָר טאַקע ווי וועלטלעכע יידן.

---

### דערקלערונג פון רעדאַקציע

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָטיץ „פאַרבייגייענדיק" אין נומער 7 (18) פון יוני־יולי 1979, דריקט אויס די רעדאַקציע איר באַדויערן, וואָס די נאָטיץ איז אַריין אין דער דאָזיקער פאָרם.

ש. בענעט

# אַן ענטפער דעם פּר׳ ס. בורשטין

איך בין זייער דאַנקבאַר מיין גוטן און לאַנגיאָריקן פריינד סענדער בורשטין פאַר זיינע באַמערקונגען וועגן מיין קורצן אַרטיקל, געדרוקט אינעם מערץ־אַפּריל נומער „די מעלבורנער בלעטער" וועגן דעם קימבערלי־פּראָיעקט.

איך בין פולשטענדיק מסכים מיט פּר׳ בורשטינס געאָגראַפישע אויסבעסערונגען צו מיין אַרטיקל, וועלכעס איך האָב איבערגעדרוקט פון די „יידישע פּאָסט" ווו עס איז דערשינען מיט 20 יאָר צוריק. איך האָב עס נישט קאָרעגירט, געלאָזט עס דרוקן ווי עס „שטייט און גייט". איז מיר אַ חידוש, וואָס פּר׳ בורשטין אַלס לייענער פון די „יידישע פּאָסט" האָט דעמאָלט נישט באַמערקט אָדער אויסגעבעסערט די זעלבע געאָגראַפישע פעלערן.

אַן ערך 35 יאָר ווי איך שרייב אין דער היגער יידישער פּרעסע, איז עס אפשר אַ רעקאָרד, וואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן האָט מען מיך „געכאַפּט" ביי געאָגראַפישע פעלערן. עס איז טאַקע מעגלעך דאָס אָנצוטרעפן ביי אַ יידישן זשורנאַליסט, בפרט ווען דער שרייבער איז אַ פאַרנומענער מענטש מיט אַנדערע פּרנסה־פּראָבלעמען. אַ ציטונגס־אַרטיקל איז נישט תורת משה מסיני, עס טרעפן זיך פעלערן און אומפּינקטלעכקייטן אויך אין אַנדערע צייטשריפטן אָדער טאָג ציטונגען, ווי צ. ב. אין דער גרויסער מעלבורנער טאָג־ציטונג „איידזש", וועלכע האָט גוט־באַצאָלטע זשורנאַליסטן, רעפּאָרטערן, רעדאַקטאָרן, גייט נישט דורך קיין טאָג, ווו אין זייער ספּעציעלן קאָלום — מיר האָבן געמאַכט אַ טעות — זאָל נישט דערשיינען אַן אויסבעסערונג פון פעלערן, אומפּינקטלעכקייטן מיט אַן אַנטשולדיקונג.

איך בין אָבער נישט מסכים מיט דעם וואָס פּר׳ בורשטין וויל זיך אָננעמען די עוולה פונעם שונאי ישראל ערנעסט בעווין, וועלכער איז געווען אויסערן־מיניסטער פון דער לייבאָר־רעגירונג זינט 1945. זיין אַנטי־ציוניסטישע פּאָליטיק, מען קען עס אפילו אָנרופן אַנטי־יידישע פּאָליטיק האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן שאָדן ביים ראַטעווען די שארית הפליטה פון די די. פּי. - לאַגערן. ער האָט דאָס באַפוילן בריטישע קריגס־שיפן צו פאַרהאַלטן און פאַרפאָלגן שיפן מיט יידישע פליטים, אינטערנירט יידן אין ציפּערן, מיר האָבן היינט געקאָנט האָבן נאָך איין מיליאָן אין ישראל ווען נישט די נישט־מענטשלעכע פּאָליטיק פונעם שונא־ישראל ערנעסט בעווין, דער דערמאָלטדיקער אויסערן־מיניסטער פון דער ענגלישער רעגירונג.

פּר׳ בורשטין ווייסט אויך גאַנץ גענוי, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, אַז צום דורכפאַל פונעם קימבערלי־פּראָיעקט האָבן אויך צוגעהאָלפן אחינו בני ישראל, איך וויל זיי

משכילים האָבן שוין אין זיך געטראָגן די קערנדלעך פון דער וועלטלעכער אידיי — האָבן אָבער די משכילים אויסגעקליבן דעם פאַלשן וועג די אידייע דורכצופירן, אַ וועג וואָס האָט געפירט פון יידישן פאָלק צו אָפּגעפרעמדקייט, צו אַסימילאַציע. אויפגעגעבן פון פאַרווירקלעכן די אידייען פון וועלטלעכקייט וועלכע עס האָט אויף זיך גענומען די יידיש־וועלטלעכע שול אין פוילן, האָט געפירט צום יידישן פאָלק; צו פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור ;צו פאַרפעסטיקן די יידישע שפּראַך. דער דאָזיקער וועג איז געווען אַ נייער, אַ געוואַגטער און האָט אין זיך נישט געטראָגן די עלעמענטן פון די אויבנדערמאָנטע עקספּערימענטן (פראַנצויזישן; סאָוויעטישן). די שול האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַ נייעם נוסח פאַר אויסדריקן יידישע אייגנאַרטיקייט אין נישט־רעליגיעזע פאָרמען. און דער עיקר: יידישע וועלטלעכקייט איז אויפגעקומען אין אַ קאָמפּאַקטן יידישן ישוב, וואָס האָט געהאַט איינגעפונדעוועטע רעליגיעזע מנהגים און טראַדיציעס; דעם קלער, וואָס האָט אויסגעאיבט זיין השפעה אויפן יידישן לעבן; אויפן אָרט פון די רעליגיעזע יום־טובים, האָט מען זיך באַמיט צו שאַפן נייע, מער צוגעפּאַסטע צו די פּאָליטישע באַדינגונגען; צו די נייע סאָציאַלע שטרעבונגען, וועלכע האָבן אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען צווישן דער יידישער מאַסע.

דער דאָזיקער עקספּערימענט האָט געדויערט אַרום צוואַנציק יאָר, און איז איבערגעריסן געוואָרן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין די לענדער פון יידישער מאַסן־עמיגראַציע (אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע) פון נאָך דער מלחמה, האָבן די אימיגראַנטן זיך אָנגעטראָפן אויף עקזיסטירנדיקע יידישע צוגאָב־שולן. (די אינסטיטוציע וועלכע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון וועלטלעכקייט).

די סביבה איז שוין אָבער געווען אַן אַנדערע. די יידן האָבן מער נישט געוווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אין יידישע געגנטן (די יידישע שטעטלעך); די דרויסנדיקע געזעלשאַפט — להיפוך צו פוילן — איז געווען אַ פרייע; די מלוכה־שולן זענען געווען סעקולערע; די אומגאַנגסשפּראַך צווישן יידישע קינדער איז געוואָרן ענגליש. (און לאָמיר נישט פאַרגעסן די יידישע שפּראַך איז געווען דער פונדאַמענט פון אונדזער וועלטלעכקייט). אין די באַדינגונגען האָט מען זיך געכאַפּט — אַז עפּעס פעלט דער וועלטלעכער יידישקייט, אַן עלעמענט וואָס זאָל זיך אָנקניפּן אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין פוילן איז די צוקונפט (וועלטלעכקייט) געוואַקסן אין האַרץ פון דער פאַרגאַנגענהייט (טראַדיציאָנעלע יידישקייט), האָט מען גענומען אויסגעפינען נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין רעליגיעזע יום־טובים. אַמבעסטן האָט זיך צו דעם געפּאַסט דער יום־טוב פּסח. אַז מען וויל, איז עס געווען דער יום־טוב פון באַפרייאונג (הגם ער איז טיף דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע מאָטיוון, ווי די ניסים, און די מכות, און דער ברענענדיקער דאָרן). מען האָט אויך גענומען אָפּמערקן פרייטיק — קבלת שבת — וויל שבת אין דער יידישער עטיק איז נישט סתם אַ רו־טאָג, נאָר טראָגט אין זיך אַ טיפע גייסטיקע באַדייטונג אין זיין טראַדיציאָנעלער אויסטייטשונג.

אַ טייל דערציער (דאָרט, ווו עס עקזיסטירן יידישע טאָג־שולן) הויבן אָן צו רעווידירן די אידייען, וועלכע מען האָט אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן געהאַלטן פאַר פונדאַמענטאַלע. איינהאַלטנדיק דעם נאָמען: וועלטלעכקייט, באַמיט מען זיך די דאָזיקע אידייען אינטערפּרעטירן — כדי זיי זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון די נייע באַדינגונגען.

פאַר די, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן (דער באַזיס פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג) זעט די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע אויס ווי אַ פאַרבלאָסונג פון די עיקרים פון וועלטלעכקייט.

דעריבער מוז מען אויף אונדזער טאָג־אָרדנונג אַוועקשטעלן די פראַגע: ווי וועלטלעך איז היינט יידישע וועלטלעכקייט?

מיר, דער ערשטער דור אימיגראַנטן האָבן זיך באַמיט איבערצוטראָגן אונדזערע אינסטיטוציעס, אידייען — גייסטיקע ירושה פון מזרח־אייראָפּע (דער עיקר פון פוילן) אין די לענדער, צו וועמענס ברעגן מיר האָבן זיך דערשלאָגן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פון אונדזער דרייסיק־יאָריקער דערפאַרונג קענען מיר מאַכן געוויסע אויספירן: אַלגעמיינע און קאָנקרעטע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַז די יידישע קהילה (באָאַרד אָף דעפּיוטיס) איז אַ פרייוויליקע אינסטיטוציע (צום אינטערשיד פון דער יידישער קהילה אין פוילן, וואָס האָט געהאַט מלוכה־רעכט אַרויפצולייגן און מאָנען שטייערן, כדי אויסצוהאַלטן אירע רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע באַדערפענישן), במילא האָבן שוין די רעליגיעזע פאַרשטייער (כלי־קודש) נישט דעם איינפלוס און אויסווירקונג ווי אין מזרח־אייראָפּע).

דער פּאָליטישער קלימאַט איז אויך אַן אַנדערער. אויב אין פוילן זענען נויטיק געווען פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (יוניאָנס) פאַר יידישע אַרבעטער, יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען מיטן דרוק אויף דאָאיקייט, וואָס האָט באַדייט: קאַמף פאַר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן — זענען די באַדערפענישן מער נישטאָ, צוליב דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער גלייכבאַרעכטיקונג און מעגלעכקייטן פאַר אַלע בירגער פון לאַנד.

די נייע באַדינגונגען האָבן זיך אויך אויסגעווירקט אויפן דערציאונגס־סיסטעם, וואָס מיר האַלטן פאַרן הויפּטכוח אויפצוהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. אפילו די רעליגיעזע אַנשטאַלטן (ישיבות), וואָס האָבן נישט געענדערט דעם אופן פון לערנען און אויך נישט די קעגנשטאַנדן אין משך פון יאָרהונדערטער — אויך דער דערציאונגס־סיסטעם האָט זיך געמוזט ענדערן, און צוזאַמען מיט די רעליגיעזע לימודים, ווערן אויך געלערנט אַלגעמיינע (אָדער וועלטלעכע).

מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס מיינט: יידישע שולן אין פוילן: זייער אונטערריכט־שפּראַך איז געווען יידיש

שטעלט זיך אַ פראַגע: איז „באַקענען" גלייך צום „פּראַווען"? אין דער היינטיקער תקופה, ווען די מגפה האַלט דאָס פאָלק ביים האַלדז, איז בלויז „באַקענען" אַ שוואַך מיטל צו קעגן אָפּשטעלן די כוואַליעס.

מיר שטרעבן אָנהויבן פלאַנצן אַ נייעם דור, און אויב ס'וועט גיין כשורה, וועט עס נעמען אַ סך יאָרן. דאַרף מען לאָזן די יונגע שפּראָצונגען אויף הפקר, אָדער טאָן ווי גוטע גערטנער טוען און שפּאַרן אונטער דאָס יונגע ביימעלע — נישט מיט סתם דערציילן, מיט באַקענען, נאָר טאַקע מיט פּראַווען אויף אַן אמת. דווקא אַ סך פּראַווען, כדי עס זאָל צוריק אָנפילן דעם אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם מיט פרישן בלוט.

איך ווייס, אַז מען וועט מיר שטעלן קשיות, וועלכע איך אַליין שטעל זיי — ווי אַזוי ווילסטו דאָס מאַכן? האָסט אַ פּאַרטיקן רעצעפּט? ווייזט אויס אַז דו קענסט נישט דעם היינטיקן יונגן דור; עס איז נאָך אַ שחיטה, אַ פּעריאָד מיט פאַרברענטע מנהגים און טראַדיציעס. און דו ווייסט דאָך וויל, אַז יוגנט קלייבט זיך אַלעמאָל אויס דעם לייכטערן וועג און וויל זיין פּטור פון אַן עול. אָפּהיטן מנהגים און טראַדיציע איז דאָך אַן עול, וועלכן נישט יעדער איז וויליק צו נעמען אויף זיך.

קומען מיר צו אַן אָפּשטעל, צו אַ גרענעץ וואָס צעטיילט אונדזער פאָלק אין די תפוצות אויף דריי הויפּטמחנות. איינע, פאַר וועלכער דער גאַנצער ענין איז פרעמד צוליבן אויסמישן זיך; זיי געפינען זיך שוין אין אַ פרעמדער קולטור און זענען (מיט אויסנאַמען) פאַרלוירענע פאַרן פאָלק. די צווייטע מחנה, וועלכע וואָלט יאָ וועלן עפּעס טאָן, ווערט געשטערט צוליב דער וועלטלעכקייט, אין וועלכער זיי גלויבן ווי אַ פרומער ייד אין דאָגמאַטישער באַגעמונג פון בריאת העולם, און דערזען נישט אַז אין זייער איפּערקייט גיסן זיי אויס די געבורט־וואַסערן צוזאַמען מיטן קינד. די דריטע מחנה, די וועלכע האַלט זיך פאַר מאמינים, וועלן דאָך נישט אָפּטרעטן אויף אַ פינטעלע אַפילו פון דעם אופן לעבן וועלכן זיי פירן. אויב די דאָזיקע מחנה זעט נישט אַז דער ענין אמונה, ווי זיי פאַרשטייען עס, איז נאָכן חורבן אַ באַרג־אַראָפּגאַנג, טאָ זאָלן זיי דערזען די סכנה פון ווערן איזאָלירט, רעדוצירט צו אַ הייפל, וואָס וועט נישט זיין ביכולת משפּיע צו זיין אויפן גאַנצן פאָלק. ווען זיי וואָלטן מסכים געווען צו פאַרווייכערן דעם „עול", מאַכן אים צוגענגלעכער, וואָלטן זיי דאָך צוזאַמען מיט די נישט אויסגעמישטע געקענט ווייטער שפּינען דעם פאַרביקן פאָדעם פון המשך כדי צו ברענגען קיום; ציען מיט געמיינזאַמע כוחות די קייט פון אַ געאייניקט פאָלק, וואָס וואָלט מסוגל געוואָרן אויפצולעבן יידישקייט אין דער אייגענער שפּראַך, אין יידיש, און דורך יידיש דערגיין צו יידישקייט. די דאָזיקע מחנה ווייסט דאָך יאָ דעם טייטש „אם תורה — אין קמח" — אָן קולטור איז נישטאָ קיין פאָלק!

אפשר וועלן זיך איןביידע מחנות געפינען אָפענע אויערן וואָס וועלן דערהערן דאָס געשריי פון פאָלק וואָס בלוטיקט זיך אויס טאָג נאָך טאָג אַלץ מערער?

מ. אייזענבוד

# ווי וועלטלעך איז... וועלטלעכע יידישקייט?

וועלטלעכקייט איז נישט קיין יידישע „דערפינדונג". אין גאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יעדע רעליגיעזע פאָרם — אַזוי אָדער אַנדערש — שטערט דורכצופירן די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע אין לעבן. כדי די שטערונג צו באַזייטיקן, האָט די רעוואָלוציע אָפּגעשאַפט אַלע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי קלויסטערס, מאָנאַסטירן; אַלע רעליגיעזע מנהגים און טראַדיציעס; אַלע גייסטלעכע — און איינגעפירט די „רעליגיע פון שכל". צוליב דעם איז אויך געענדערט געוואָרן דער קאַלענדאַר, און אָנשטאָט זונטיק־רו, זענען איינגעפירט געוואָרן די דעקאַדן: דער רו־טאָג איז אויסגעפאַלן יעדן צענטן טאָג. די דאָזיקע רעפאָרמען האָבן אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן (1793—1794). מען האָט ווידער געמוזט איינפירן די איינגעפונדעוועטע רעליגיעזע טראַדיציעס; צוריקשטעלן די גייסטלעכע אין זייער רעכט. די קירכן־גלאָקן האָבן ווידער גענומען קלינגען.

אַ צווייטער פּרוּוו צו שאַפן אַן אַטעאיסטישע מלוכה־אָרדענונג האָבן געמאַכט די באָלשעוויקעס, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיי האָבן אויך געענדערט דעם קאַלענדאַר און יעדער זעקסטער טאָג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ רו־טאָג. (זיי האָבן געמאַכט פון מיטוואָך — שבת...). די נאַציאָנאַלע יום־טובים זענען געוואָרן: דער ערשטער מאַי, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע (7טער נאָוועמבער) און ניי־יאָר. דער דאָזיקער סיסטעם האָט אָנגעהאַלטן אַ סך לענגער — אַזש ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער שפּעטער איז ווידער איינגעפירט געוואָרן זונטיק־רו, און דער קלער האָט צוריקבאַקומען זיין סטאַטוט, הגם אין אַ באַגרענעצטער פאָרם.

אויך אין ארץ ישראל, אין די לינקע קיבוצים, האָט מען אויסגעמיטן יעדע רעליגיעזע דערציאונג, ווייל די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע איז געוואָרן די הערשנדע רעליגיע. אָבער אונטערן דרוק פון מלוכהשן דערציאונגס־סיסטעם האָט מען איינגעפירט דעם לימוד פון „יידישקייט־וויסן".

אַז מען זוכט היינט אַ דעפיניציע פאַר וועלטלעכקייט, טוט מען אַ מיש אויף דעם ווערטער־בוך, און אונטער: „סעקולאַריזם" — לייען מיר: „די דאָקטרין, אַז די מאָראַל דאַרף זיך נישט באַזירן אויף רעליגיע; די פּאָליטיק פון אויסשליסן דאָס לערנען רעליגיע אין שולן, וועלכע געפינען זיך אונטער מלוכה־קאָנטראָל".

וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט וועלטלעכער יידישקייט?

די טעאָריע פון וועלטלעכער יידישקייט האָט נישט אַריינגענומען אין חשבון די מעגלעכקייט פון אַ מלוכהשער פאָרם, פאַר דורכפירן די אידייען. הגם די אידייען פון די

מ. לעווין

# לשון יידיש — און וואָס ווייטער?

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט פּר׳ יצחק קאָרן, דער פאָרזיצער פון „אַלוועלטלעכן קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור" ווידער באַזוכט אויסטראַליע, דאָסמאָל אויף דער פאַרבעטונג פון דער ש"ע שול, כדי אַדורכצופירן אַן אַפּיל.

פּר׳ י. קאָרן האָט ביי זיין צווייטן באַזוך ווידער אויפגערודערט דעם טייל פון היגן ישוב פאַר וועלכן יידיש, און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, איז נאָענט צום האַרצן. ער האָט איבערגעגעבן זייער פריידיקע און סטימולירנדיקע ידיעות.

אין ישראל האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרווירקלעכן פון די פּלענער, אַרויסגערוקטע מיט דריי יאָר צוריק אויף דער היסטאָרישער ירושלימער קאָנפערענץ פאַר יידיש. די צאָל מיטלשולן, ווו עס ווערט אין הסכם מיט אויסוואַל פון די שילער געלערנט יידיש, איז אויסגעוואַקסן צו דער צאָל פון פערציק, כן ירבו. עס זענען אויך אַנטשטאַנען איבערן גאַנצן לאַנד קלובן און לייען־קרייזן אויף וועלכע עס ווערט שטודירט די יי׳ישע ליטעראַטור.

אויך אין דער ברייטער יידישער וועלט האָט זיך אַ ריר געטאָן, ספּעציעל אין פראַנקרייך, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ לאַנד צום שטאַרקסטן באַדראָט פון דער אַסימילאַציע־מגפה. דער יידיש־בוים האָט ווידער אָנגעהויבן בליען. הייסט עס, אַז אין משך פון די דריי יאָר זינט דער ערשטער פייערלעכער עפענונג פון דער קאָנפערענץ איז געטאָן געוואָרן אַ ממשותדיקע אַרבעט.

פאַראַן אַ זאָג פון אונדזערע ראשונים: „אם אין קמח, אין תורה — און גלייך דאָס פאַרקערטע: „אם אין תורה, אין קמח". מיר ווייסן און מיר פילן עס אָפּ צו גוט, אַז יידיש און די יידישע קולטור איז געוואָרן טויטלעך פאַרוואונדעט צוליבן גרעסטן בלוט־פאַרלוסט אין אונדזער געשיכטע, אין דער מוראדיקער היטלער־תקופה, ווי אויך צוליב דער צוואַנגס־אַסימילאַציע, אויפגעצוואונגען אויף די יידן אין רוסלאַנד מצד אירע הערשער. ווער זאָל רעדן יידיש? ווער זאָל שפּינען ווייטער די יידישע קולטור? די צוויי און אַ האַלבער מיליאָן אָפּגעפרעמדטע רוסישע יידן? די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע יידן?

אַוודאי זענען נאָך פאַראַנען דאָ און דאָרט יידיש־אינדזלען, אויך דער היגער ישוב איז אַזאַ קליינער אינדזל, אַרום וועלכן אָבער ס׳לויערן די אַסימילאַציע־וואַסערן אים צו פאַרפלייצן.

וויל מען צוריק אויפלעבן די יידישע קולטור דורך „תורה צום קמח", איז מען געצוואונגען צו מאַכן אַן אָנהויב מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט קומען דער נאָכוואוקס, דער נייער דור, אַ דור פאַר וועלכן יידיש וועט זיין די נאַטירלעכע לופט צום אָטעמען, די מוטער־שפּראַך — אויפגענומען מיט ליבשאַפט, געפּלעגט אין די היימען ווו עס טליעט נאָך אַ יידיש־פונק. עס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט צו פאַרריכטן אַ פעלער, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט אויף די עלטערן, אַפילו אויף די טיילווייז אָפּגעפרעמדטע.

דער פּראָצעס וועט זיין אַ דויערנדיקער, לכל הפּחות איין דור — און וואָס דערווייל? — דערווייל בושעוועט די אַסימילאַציע. זי קומט נישט מיט צוואַנג ווי אין רוסלאַנד, זי קומט שטילערהייט און גנבעט זיך אַריין אין די מוחות און אין הערצער פון יחידים פּסיכאָלאָגיש גרייטע דערצו. די סיבה איז אַ טראַגיש באַקאַנטע: עס פעלט זיי דער חינוך „יידיש" אין אַלע פאָרמען, עס פעלט זיי דער אידעאישער און עמאָציאָנעלער פונדאַמענט אויף וועלכן עס ווערט אויסגעבויט דער קולטור־בנין פון יעדעס פאָלק, ספּעציעל פון יידישן פאָלק צוליב זיין צעשפּרייטקייט און צעזייטקייט.

אויב חינוך — ווי זאָל ער אויסזען: אַ רעליגיעזער? אַ וועלטלעכער? אפשר גאָר אַ געמיש פון ביידע?

מיר זענען אַ רייך פאָלק, מיר פאַרמאָגן צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן. צוליב דער צעשפּרייטקייט נוצן מיר אויך אַ דריטע שפּראַך — די פונעם לאַנד אין וועלכן מיר לעבן. עס איז קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די תפוצות, ווו עס דראָט צו ווערן אויסגעמישט און פאַרלוירן, פון וואָס ישראל איז פריי, ווייל זי איז אַ גאַנצקייט. בלייבט פאַר די תפוצות די ברירה: אָננעמען פאַר אַ נייעם יסוד די לאַנדשפּראַך אָדער יידיש? דער ענטפער איז אַ קלאָרער — יידיש. אַ נאַציאָנאַלע קולטור קאָן נישט געדייען און וואַקסן אין אַ פרעמדן לבוש. די וועלכע פּרובירן יאָ איבערצופלאַנצן דעם קערן פון דער יידיש־קולטור אין אַ פרעמדער שפּראַך שאַפן אַ קאַריקאַטור אויסגעקרומט מיט ווייטיק. אָבער איז שפּראַך אַליין גענוג? פאַר אַ ביישפּיל: קענען די שפּראַך איז נישט גענוגנד. די אַראַבער אין ישראל וועלכע רעדן אַ פליסיקן עברית ווערן צוליב דעם נאָך נישט קיין יידן. די סיבה איז אַ פּשוטע — זיי זענען נישט אַן אינדזל, נאָר אַ ייש פון אַ פאָלק מיט הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען פון זעלביקן שטאַם אין און אַרום ישראל, ווען די יידישע אינדזעלעך אין דער וועלט האָבן נישט די דאָזיקע שוצוואַנט.

בעת זיין צווייטן באַזוך אין מעלבורן האָט יצחק קאָרן געוואָרפן אַ געדאַנק, אַן אָנדייט וועגן „טראַדיציע". ליידער האָט ער עס נישט אַרומגענומען ברייטער און נישט פּרעציזירט דעם „וויאַזוי", אָבער מיט דריי יאָר צוריק איז דער ענין יאָ געוואָרן פּרעציזירט, און עס איז דאַן דערשינען אַ „דעקלאַראַציע" פון צוועלף פונקטן. צווישן זיי שרייט אַרויס דער 10טער פונקט ווי אַ מאָדערנער „ושננתם לבניך" — „עס איז וויכטיק דאָס אין די יידישע שולן זאָל מען פּראַווען די נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע יום־טובים, צום ווינציקסטן באַקענען די קינדער מיט זייער היסטאָרישן באַדייט" א.א.וו. (אונטערגעשטראָכן דורך מיר)

# מיינע פראַגן — און מיין ענטפער

איך האָב זיך פאַרטראַכט, כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע: צי איז בערנאַרד מאַלאַמוד אַ יידישער שרייבער? זענען אָנגעלאָפן אויפן זינען אָנצאָליקע געדאַנקען און ביי־שפילן, און איך האָב נישט געקענט אַרויסקריכן און נישט געקאָנט אויסהאַמערן אַ פעסטן טעזיס. עס איז צו קאָמפּלי־צירט און פאַראַנטוואָרטלעך — האָב איך עס אויפגעגעבן. כ'האָב זיך דאַן פאַרנומען אויף אַ לייכטערן וועג, לויטן שכל־הישר און אַלע געהערטע און געלייענטע אָפּהאַנדלונ־גען וועגן מהות פון ליטעראַטור, יידן און יידישקייט; און דאַן האָב איך זיך אונטערגעגעבן דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, אַז ס'איז לויט די לעצטע פאָר שורות פון דעם חשבון דר. א. שולמאַן, אַז „זיין (מאַלאַמודס) דער־קלערונג באַשטעטיקט נאָך אַמאָל, אַז יידישע שרייבער זענען יענע, וואָס שרייבן אויף יידיש אָדער אויף העברעיש".

דאָך האַלט איך, אַז די דאָזיקע דיסקוסיע איז אין דער היינטיקער צייט נישט מער אַקטועל, ווייל עס זענען דאָ אַ סך יידן־שרייבער אויף פרעמדע שפּראַכן, אַז די פרעמד־שפּראַכיקע שרייבער ווערן געשמאַק געלייענט און קאָמענ־טירט, אפילו פון די געציילטע יידיש־יידישע קריטיקער. נאָכמער, יידיש־יידישע און העברעישע שרייבער פילן זיך אין זיבעטן הימל, אויב עמעצער קען איבערזעצן זייערע אָריגינעלע ווערק אין אַנדערע שפּראַכן.

וויל איך זיך בעסער דערוויסן, חשובער פריינד פון דער רעדאַקציע, אפשר קענט איר אויסגעפינען און פאַרעפנט־לעכן וויפל יידיש און העברעיש לייענער (און דאָ מיין איך נאָר דאָס וואָס מען רופט שיינע ליטעראַטור) זענען דאָ צווישן די בקרוב 14½ מיליאָן יידן איבער דער גאַנצער וועלט.

און נאָך עפּעס:

פון וואַנען און פון וואָס וואָלטן געמאַכט אַ לעבן, די אַלע אויסנעמלעכע, אַזוי טייערע פאַר אַ פאָלק און זיין קולטור און טאַקע פאַר אַלע מענטשן — יידן וואָס האָבן זוכה געווען צו ווערן שרייבער סיי אויף די נאַציאָנאַלע און סיי אויף די פרעמדע שפּראַכן און וויפל פון זיי וואָלטן פרעטענדירט און וויפל טאַקע באמת געוואָרן אָנערקענט און כשר־פאַרדינט נאָבעל־פריזן, אויב זיי וואָלטן נישט געשריבן אין פרעמדע שפּראַכן?

**מאיר זייבל**

---

אין די „מעלבורנער בלעטער" נר. 2, פון יאָר 1955 (דער זשורנאַל איז דאַן געווען די אויסגאַבע פון שרייבער־פאַראיין) האָבן מיר געפונען אַ לענגערע נאָטיץ פון פרי לייב **פרידמאַן**, וואָס הייסט: „דאַרף די ענגליש־רעדנדיקע יוגנט געלאָזט ווערן אויף גאָטס באַראָט?".

דער סוף פון דער נאָטיץ קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַן אַרגומענט אין אונדזער דיסקוסיע.

**רעדאַקציע**

„דעריבער איז דער איינציקער אויסוועג: פון איין זייט, טאָן דאָס מעגלעכסטע, בכדי צוציען די יוגנט צו יידיש, הן דורך דער היים, הן דורך דער שול און מיט אַלע מעג־לעכע געזעלשאַפטלעכע מיטלען; און פון דער צווייטער זייט — אַרויסגעבן וואָס מער איבערזעצונגען פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור פאַר דער יוגנט, וואָס בלייבט מחוץ דעםווירקונגס־קרייז פון יידיש. מען מוז זיך אויך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן אַ יידישער לי־טעראַטור אויף ענגליש. עס באַווייזן זיך סימנים פון אַזאַ ליטעראַטור אין אַמעריקע. (מען דאַרף נישט פאַרגעסן — עס איז דאָס יאָר 1955 — רעד.). עס זענען פאַראַן יונגע יידישע שרייבער, וועלכע שרייבן אויף יידישע טעמעס אין ענגליש, און גאַנץ מעגלעך, אַז פון דעם יונגן דור וועלן אויסוואַקסן קרעפטיקע שרייבער, וואָס וועלן טאַקע שרייבן אין ענגליש, אָבער זיי וועלן אָפּשפּיגלען דאָס טראַכטן, די געפילן און די אידעאַלן פון די יידן אין די אימיגראַציע־לענדער".

---

שרה שבת (בית אַלפאַ)

# די אַלטע היים...

**ר' גוטמאַן**

מען קלאַפּ אין לאַד,
שטייט אויף פון שלאָף.
ר' גוטל קומט
מיט גרינס פון דאָרף.

ער פאָרט מיט פולן וואָגן
פאַרהאָרעוועט און מיד.
דערפאַר איז אָבער גוטמאַן
דער פריץ פון יריד.

אַלע שיינע יידן
קוקן אים דאָ אָן —
דער ישובניק אין אַ שטייגל
פירט אַ ווייסן האָן.

עס נענטערט זיך יום־כיפור —
צום כפרות דאַרפן זיי
אַ הענדעלע, אַ ווייסן
אַ זויבערן ווי שניי.

אַרום אים, דאָ אַלע
און ער זיצט אויבן אָן.
דאָ אין מאַרק ר' גוטל
גיט דאָך איצט דעם טאָן.

„ אַ קלייניקע נקמה"
דאַכט ער, מיט פאַרשטאַנד —
„אין שול זיי זיצן אויבן"
און איך שטיי
ביי דער וואַנט.

דער פּראָצעס פון אויסבילדן זיך ווי אַ באַזונדער לשון שנעל צוגעגאַנגען. אין שריפט האָט נאָך אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטן „געגאָלטן" דייטשמעריש צוליב קאָמערציעלע סיבות, צוליב דעם אָפּזאַץ־מאַרק אין די דייטשישע לענדער.

ענגליש קאָן נישט ווערן קיין יידיש. אמת, עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ יידישער „סלענג". דער ווייטשעפּלער ענגליש איז נישט אָקספאָרד און אַ בר־מצוה דרשה אין ענגליש אַנטהאַלט אַ סך העברעאישע אויסדרוקן און אַפילו יידישע ווערטלעך. אָבער קיין קולטור שאַפן נישט די דאָזיקע בר־מצוה דרשות. אַ פּאַרגרייזטער פּויליש, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן דורות לאַנג גערעדט, איז געבליבן אַ פּאַרגרייזטער פּויליש און נישט קיין נייע שפּראַך. עס קומט נאָך צו דער פאַקט פון באַקומען מיטלע און העכערע בילדונג, וואָס דערוויטערט די יוגנט פון יעטוועדן דיאַלעקט און סלענג.

די יידישע שפּראַך איז רעאַל די איינציקע שפּראַך, וועלכע דינט ווי אַ פאַרבינדונגס־רינג צווישן אונדזער געשיכטע און היינטיקן טאָג, צווישן עלטערן און יינגערן דור, ווי אויך צווישן יידן פון פאַרשיידענע תפוצות. שוין דער אָנגענומענער אויסדרוק מאַמע־לשון גיט איבער די טיפע ליבע צו יידישע מצד די יידישע מאַסן. יידיש רעדן נאָך היינט פיל מיליאָנען יידן און מיליאָנען יוגנטלעכע פאַרשטייען און קוויקן זיך מיט יידיש, אַפילו סאַבּרעס אין ישראל.

דאָ קומען מיר צו אַ טראַגישער פראַגע: צי וועט די יוגנט איבערנעמען יידיש? צי זענען מיר נישט די לעצטע מאָהיקאַנער? זאָגט מען דאָך, אַז מיט יעדן געשטאָרבענעם ייד שטאַרבט אַן אָפּנעמער פון דער יידישער קולטור.

אין יידישן לעבן קומט היינט פאָר אַ דראַנג צו אַסימילאַציע. עס איז אַ רעזולטאַט פון גייסטיקן חורבן אין אונדזערע נשמות, וואָס דער פיזישער חורבן האָט מיט זיך געבראַכט. מען וויל לעבן אויף דער „אַרישער" זייט, ווו עס איז זיכערער און באַקוועמער, אין אַ וועלט פון קנאַפּע דריי מיליאַרד מענטשן מיינען די דאָזיקע, איז בעסער צו זיין פּנימלאָז, סטאַנדאַריזירן זיך, פאַרשווינדן אין דער מאַסע, אײדער מען זאָל זיך אַרויסהייבן און אויסצייכענען זיך מיט וואָסער נישט איז באַזונדערקייט, מעג עס זיין די נאָבּלסטע.

דעריבער שטייט נישט די פראַגע נומעריש, נישט קוואַנטיטאַטיוו, נאָר קוואַליטאַטיוו. מיר ציילן נישט די יידיש־רעדנער. מיר שטעלן די פראַגע נאָר פאַר די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע און נאַציאָנאַל־דענקענדיקע. פאַר אונדז שטייט אויך נישט די פראַגע פון אינפאָרמירן אונדזער יוגנט (ווי די אויסן־וועלט) וועגן יידישקייט. אינפאָרמירן קאָן מען אין יעטוועדער פרעמדער שפּראַך. שאַפן קאָן מען נאָר אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך. זיין שעפעריש נאַציאָנאַל, באַפרידיקן די אינערלעכע פאַרלאַנגען, אויסדריקן די אידייען און געדאַנקען קאָן מען נאָר אין אַן אייגענער שפּראַך. אין אַ שפּראַך פון אַ פרעמד פאָלק דריקט מען אויס די געפילן און געדאַנקען פון יענער קולטור, נישט פון דער אייגענער.

אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון יידיש.

נאָך אַ וויכטיקן אַספּעקט האָט יידיש פאַר אונדז, וועלטלעכע יידן. יידיש איז די שפּראַך פון אונדזער רענעסאַנס, פון נאַציאָנאַל־וועלטלעכן אויסלעבן זיך. אינטערעסאַנט איז, אַז יידיש איז פיל מאָל גענוצט געוואָרן, און אויך היינט, אַלס מיטל צו שטאַרקן דעם רעליגיעזן סעקטאָר (מוסר ספרים, טייטש־חומש, געוויסע צווייגן פון חסידות, לערנען און טייטשן אין יידיש צאנה וראנה א.א.). דאַקעגן העברעאיש איז געווען אין ערשטן פּעריאָד פון דער השכלה די שפּראַך פון אַפּיקורסות. דקדוק לערנען איז געווען אַ פאַרברעך. די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור ביי יידן איז געווען אין העברעאיש. אָבער דאָס איז געווען אַ פאַרבייגייענדיקע און אויבנאויפיקע דערשיינונג. די צעטיילונג היינט איז קלאָר. העברעאיש איז די שפּראַך לרוב פון נישט סעקולערן טייל, פון קאָנסערוואַטיוון פליגל. יידיש איז די שפּראַך פון וועלטלעכן, סעקולערן טייל, פון ראַדיקאַלן פליגל. נישט געקוקט וואָס היינט צו טאָג שרייבן אַ סך שרייבער פון פאַרשיידענע שאַטירונגען אויף עברית, האָט נישט די העברעאישע ליטעראַטור קיין פּראָגרעסיוון כאַראַקטער. יידיש איז די שפּראַך פון פאַרגעשריטענעם ייד, פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער אידייע, פון דעם נייעם אופן פון באַנעמען וואָס עס איז אַזוינס מאָדערנע יידישקייט.

די יידישע ליטעראַטור, אונדזער מאָדערנער תלמוד, שפּילט נישט בלויז אַ נאַציאָנאַל־שעפערישע ראָל. אין איר שפּיגלט זיך אָפּ נישט בלויז דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס, נאָר עס קומט דער עיקר צום אויסדרוק דער וועלטלעכער כאַראַקטער און גרויסע פּראָגרעסיווע הומאַניסטישע אידייען פון אונדזער עפּאָכע. די העברעאישע ליטעראַטור פונקט ווי די שאַפונגען פון יידן וועגן יידן אין פרעמדע שפּראַכן, דרייען זיך אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע אָדער פאַרנעמען זיך מיט קליינע לעבנס־אָפּשניטן. דאַקעגן יידיש דערנענטערט אונדז צו דער וועלט, פירט אַריין די וועלט צו אונדז און אונדז אין דער וועלט אַריין.

עס איז שווער פאָראויסצוזאָגן די רעזולטאַטן פון געראַנגל צווישן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. פעלקער און קולטורן זענען אונטערגעגאַנגען. אויב מיר זענען געבליבן ווי אַ פאָלק אין אַזאַ גרויסער וועלט, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען קודם כל דער אַקטיווער מינדערהייט, די וועלכע שאַפן געשיכטע. די געשיכטע דערציילט נישט וועגן די וועלכע פאָרן אויף דער אייזנבאַן, נאָר זי דערציילט וועגן דעם שעפער פון דער אייזנבאַן.

זאָגן מיר טאַקע צו די אַלע, אויף וועמען עס ליגט די אחריות פאַר דעם פאָלק, אַז נאָר מיט יידיש און אין יידיש ליגט די צוקונפט פון אונדזער פאָלק, אונדזער קיום און המשך.

---

פאַראַן די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס זאָל זיך פון ענגליש אַנטוויקלען אַ באַזונדערע יידישע שפּראַך (ווי אַמאָל פון דייטש — יידיש). עס זענען אָבער דאָ בולטע סימנים אַז ענגליש זאָל, ווי אַמאָל אַראַמיש — ווערן די שפּראַך פון יידישן וועלט־פאָלק.

---

י. קערש

# יידיש — די שפּראַך פון קיום און המשך

די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט פון אַ פאָלק דריקט זיך אויס אין מנהגים, געמיינזאַמע געשיכטלעכע רעמינעסצענצן, טראַדיציעס, קליידונג און קודם כל אין דער שפּראַך. אין דער שפּראַך פון דער געגעבענער גרופּע דריקט זיך אויס דער גאַנצער דיאַפּאַזאָן פון דער באַזונדערקייט, אייגנאַרט און כאַראַקטער. דאָס צוזאַמענלעבן אין אַ געוויסער סאָציאַל־געשיכטלעכער און קולטור־סביבה שאַפט געוויסע געמיינזאַמע שטריכן (ווי אויך אַ פאַרשטענדעניש פאַר די באַזונדערע אויסטיילנדיקע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. ווען די געגעבענע פערזאָן פאַרמאָגט זיי נישט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס). דאָס קומט צום אויסדרוק דער עיקר אין דער שפּראַך, אין באַצייכענען געוויסע אַספּעקטן פון פאָלקס־לעבן. פּאָעטיש געזאָגט קאָן מען פון אַ פילאָלאָגיע אַרויסלייענען די ליידן און פריידן, דעם קרעכץ און לאַך פון פאָלק. מיר רופן עס פאָלקלאָר. אין אמתן איז עס ליטעראַרישע דאָקומענטירטע געשיכטע. פּרץ זאָגט:

אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען
כיוואָלט פאַר גויים — גויאיש זינגען,
נישט פאַר יידן, נישט זשאַרגאָן,
קיין רעכטער קלאַנג, קיין רעכטער טאָן.
אונדזער יידיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן,
ווערט ווי פאַרסמטע שפּיזן,
אין אים לאַכן, וויינען ריזן.

סיאיז אינגאַנצן בלוט און טרערן.
קאָנסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים פון צרות זידט,
ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם ייד...

גרויסע סאָציאַלע פאָרשער באַנוצן די פילאָלאָגיע פעסטצושטעלן דעם מאַטעריעלן מצב פון אַ געגעבענער עפּאָכע לויט דעם וויפל סינאָנימען עס זענען פאַראַן פאַר אַ געוויסער זאַך אָדער באַגריף. לאָמיר אַלסביישפּיל נעמען ביי די קאַזאַכן זענען דאָ צענדליקער באַצייכענונגען פאַר פערד און אין יידיש — פאַר אַן אָרעמאַן.

אָבער נישט בלויז פאַר פאָרשער און פאַר דער פאַרגאַנגענהייט איז די באַדייטונג פון דער שפּראַך. זי האָט אויך אַ צויבער־קראַפט צו צעמענטירן און אויפהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי פעלקער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער מלוכהשאַפט, אָדער זיי זענען אינטעגרירט געוואָרן אין אַ גרויס קוואַנטיטאַטיוו פאָלק און געוואָרן אַ מינדערהייט. אַלע פּרוּוון צו גערמאַניזירן, רוסיפיצירן אדג״ל האָבן געהאַט איין ציל: איינצושלינגען די מינדערהייט דורך אָפּנעמען דאָס לשון. פון דער אַנדערער זייט האָט דער קאַמף פאַר דער מוטער־שפּראַך געהאָלפן די קליינע פעלקער אויפצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַל פּנים און זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. שפּראַך איז אַ מיטל פון קאַמף פאַר העגעמאָניע פון גרויסע פעלקער איבער קליינע, פון די אויבערשטע שיכטן איבערן פּשוטן פאָלק. די רעפאָרמאַציע פון קריסטנטום איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיטן נאַציאָנאַליזירן דאָס געבעט־בוך. אַלע קריסטלעך־סעקטאַנטישע גרופּן האָבן אָפּגעוואָרפן לאַטיין ווי אַלט־סלאַוויש און זיך באַנוצט מיט דער אומגאַנגס־שפּראַך.

אין דער היינטיקער צייט רעדן מיר זייער פיל וועגן דער ראָל פון מענטש, פון דער פערזענלעכקייט; וועגן זיינע רעכטן אויסצולעבן זיך אַזוי ווי ער פאַרשטייט. אַרויסגייענדיק פון הומאַניסטישן שטאַנדפּונקט פאַרלאַנגען מיר אַ נאַטירלעכע אויסלעבונג פאַר יעדן מענטש, פון נישט אָנוואַרפן קיין שום צוואַנג, נישט סאָציאַלן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און שפּראַכלעכן. שפּראַך ווי אַן אויסדרוק־מיטל פון דער געגעבענער פּערזאָן שפּילט דערביי אַ זייער וויכטיקע ראָל. פּרוּווט זיך דערמאָנען קאָראָלענקאָס „אָן אַ לשון” וועט איר זען ווי הילפלאָז און איינזאַם אַ מענטש איז היינטיקע צייטן, ווען מען נעמט ביי אים צו די צונג; ווען ער קען זיך נישט קאָמוניקירן.

די דאָזיקע פראַגע איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק פאַר אונדז יידן. געשיכטלעך האָט יידיש, פּונקט ווי דאָס ערשטע יידיש — אַראַמעיש, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אויפהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. מיר יידן זענען היסטאָריש אַלעמאָל, זייט מיר זענען אַ פאָלק, געווען צווישפּראַכיק. העברעאיש איז געווען לשון הקודש, אַ שפּראַך פון רעליגיעזן קולט און פון געשיכטלעכער דאָקומענטאַציע. אין זעלבשטענדיקן יהודה האָט דער מלך אין ירושלים פאַרטייטשט אַ פּרשה פון דער תורה יעדע וואָך פאַרן פאָלק, אין אַראַמעיש. אין דער זעלבער שפּראַך איז געשריבן געוואָרן דער תלמוד; אין דער שפּראַך האָבן דיסקוטירט און געשאַפן די תנאים.

יידיש איז אַנטשטאַנען אין מיטלאַלטער צוערשט ווי אַ דייטשער דיאַלעקט. די דייטשע שפּראַך איז דאַמאָלט געווען זייער אָרעם. דער צומיש פון העברעאיש־אַראַמעיש איז געווען אַ נויטווענדיקייט, באַזונדערס וואָס שייך קולטור־ענינים. וואָלטן די יידן געבליבן אין דייטשלאַנד, וואָלט דער יידישער דיאַלעקט געטיילט דעם גורל פון ביייעריש אָדער זאַקסיש. יידיש איז אַנטוויקלט געוואָרן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע שפּראַך אין פּוילן. אונטער דער ווירקונג פון די סלאַווישע שפּראַכן האָט יידיש באַקומען אַן אַנדער סינטאַקסיס (זאַץ־בוי) ווי דייטש. אין אַ קאָמפּאַקטער יידישער סביבה, אָן דייטש אין דער אומגעבונג, איז

אַנטשטאַנען אַן אינטעליגענץ פֿון — און פֿאַרבונדן מיט די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, זייער שפּראַך און פֿאָלקלאָר.

יידיש איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך (נישט געקוקט דערויף וואָס נישט אין אַלע יידישע ישובים איז זי געווען די אומגאַנגס־שפּראַך) ווייל זי איז געווען די שפּראַך מיט וועלכער ס'האָט געלעבט און געשאַפֿן דער העגעמאָן פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק: דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום.

מיטן אַנטשטיין פֿון נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן און דעם פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון אַלטן לעבנס־שטייגער אין יידישן שטעטל פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויך אין מזרח־אייראָפּע אָנגעהויבן ווירקן — די נאַטירלעכע (ביי יידן) טענדענץ צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע.

דער חורבן האָט איבערגעריסן די עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור אין מזרח־אייראָפּע.

ביים היינטיקן טאָג עקזיסטירן ישובים אויף אַלע קאָנטינענטן — ווי קלענערע, ווי גרעסערע. די טענדענץ אומעטום איז צו אַסימילירן זיך שפּראַכלעך מיטן אַרום, טראָץ אַלע באַמיאונגען איינצופֿלאַנצן אין די נייע וווינערטער די שפּראַך פֿון פֿאַרשניטענעם מזרח־אייראָפּעאישן העגעמאָן.

די יידישע ליטעראַטור (אין יידיש) לעבט איבער אַ קריזיס. זי רעאַגירט נישט אויף דערשיינונגען פֿון היינט אין די נייע וווין־ערטער. זי איגנאָרירט דעם יונגן דור און זיינע פּראָבלעמען. די סיבות זענען פּסיכאָלאָגיש־פֿאַרשטענדלעכע. עס פֿעלט אָבער אויך דער שפּראַך־אינסטרומענט. די שפּראַך פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז מער נישט די שפּראַך פֿון נייעם דור. (יידיש מוז אָבער געלערנט ווערן מיטן יונגן דור, ווייל: 1) אין יידיש איז פֿאַראייביקט די קולטור־טראַדיציע פֿון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און דעריבער אומדירעקט דער גאַנצער טויזנטיאָריקער קולטור־אוצר, און 2) יידיש איז די פּאַסיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגס־שפּראַך צווישן די באַזונדערע יידישע ישובים).

יידישער קיום איז אָפּהענגיק פֿון דער סוביעקטיווער דעטערמינאַציע פֿון אינדיווידועלן ייד צו געהערן צו אַ יידישן קאָלעקטיוו. (יידיש וועלט־פֿאָלק). די מאָטיוון דערצו זענען דער עיקר עטנישע, טיילווייז רעליגיעזע (אָדער קולטור־גייסטיקע). יעדער מענטשן־קאָלעקטיוו האָט זיין גייסטיק־קולטורעלן אויסדרוק. טראַדיציע און די צוקונפֿט־וויזיע פֿון יידישן קאָלעקטיוו וועלן צוזאַמען פֿאַרשטעלן מיט זיך דעם קולטור־גייסטיקן אינהאַלט פֿון יידישן פֿאָלק. זיינע אויסערלעכע פֿאָרמען וועט, ווי אין די פֿאַרגאַנגענע תקופֿות, באַשטימען דאָס לעבן גופֿא.

די שפּראַך אין וועלכער ס'וועט קומען צום אויסדרוק די קולטור פֿון דעם שעפֿערישסטן און איינפֿלוסרייכסטן יידישן קאָלעקטיוו (העגעמאָן־ישוב) וועט ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק. געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען מוזן דאָס נעמען אין אַכט. באַזונדערס מוזן דאָס נעמען אין אַכט די לעבן־געבליבענע לעצטע פֿאַרשטייער פֿון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. פֿון זייער איינשטעלונג איז אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס דער קיום פֿון מאָרגן. אין זיינע נייע פֿאָרמען וועט עס זיין אַ המשך פֿון נעכטן.

אַ ריי סיבות שטערן מדינת ישראל אויסצונוצן די פֿאַראַנענע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פֿון ווערן דער העגעמאָן (קולטור־צענטער) פֿון יידישן פֿאָלק.

די מעגלעכקייטן באַשטייען אין דעם, וואָס: 1) מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט שאַפֿט די בעסטע באַדינגונגען פֿאַר אויטאָנאָמער קולטור־אַנטוויקלונג און שעפֿערישקייט, און 2) ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד ווו יידן בילדן אַ מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג. דער נעגאַטיווער פֿאַקטאָר איז: דער מדינה דראָט די געפֿאַר פֿון לעוואַנטיזאַציע — די נויטווענדיקייט פֿון אינטעגרירן די אשכנזישע און מזרח עדות קען דערפֿירן צו אַ קולטור־מחיצה צווישן דער מדינה און די קולטור־שעפֿערישע תפֿוצות וועלכע געהערן צו דער מערבדיקער קולטור־ספֿערע און געפֿינען זיך אונטער איר איינפֿלוס. (עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ קולטור־צענטער. מדינת־ישראל איז אָן שום ספֿק דער עמאָציאָנעלער פֿאָקוס פֿון יידישן פֿאָלק).

דער העגעמאָן פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק וועט זיין דער צפֿון־אַמעריקאַנער ישוב, די גרעסטע קאָנצענטראַציע פֿון יידן אין דער וועלט. יידן געניסן דאָרט פֿון אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט; פֿולע, אומבאַגרענעצטע און גאַראַנטירטע דורך דער קאָנסטיטוציע, בירגער־רעכט. דער אַמעריקאַנער לעבנס־ און קולטור־שטייגער זעט נישט קיין סתירה צווישן געטריישאַפֿט צום לאַנד און לאָיאַליטעט צו אַ סופּראַ־נאַציאָנאַלן קולטור־גייסטיקן סיסטעם.

עס זענען דאָקעגן נישטאָ די באַדינגונגען פֿאַר אַן אָרגאַניזירטער אויטאָנאָמיע ווי אין מזרח־אייראָפּע. די צוגעהעריקייט צום יידישן קאָלעקטיוו איז אויסשליסלעך אַ וואָלונטערע.

עס איז אָבער געשטיגן דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין ביי די אַמעריקאַנער יידן אונטערן איינפֿלוס פֿון חורבן, און פֿון דער צווייטער זייט — די אַנטשטייאונג פֿון מדינת ישראל. דער אַמעריקאַנער ישוב שטייט מיטן פּנים צו דער יידישער וועלט. אַדאַנק זיין פּאָליטישן איינפֿלוס און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, העלפֿט ער אַנדערע ישובים. אַדאַנק זיין ראָל אין יידישן לעבן וואַקסט דאָס געפֿיל פֿון אחריות פֿאַרן פֿיזישן און גייסטיקן קיום פֿון יידישן פֿאָלק. דער יונגער דור ווייזט אַרויס אַ ווילן צו פֿאַרבינדן זיך מיט די טראַדיציאָנעלע קולטור־ווערטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. אָבער די קולטור־שעפֿערישקייט וועט נישט קענען אָננעמען די אַלטע פֿאָרמען. זי וועט זיך אַנטוויקלען אין דער אומגאַנגס־שפּראַך פֿון ישוב — ענגליש. עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישע ליטעראַטור אין ענגליש (וועגן יידישן לעבנס־שטייגער, יידישע פּראָבלעמען), טראָץ דעם וואָס אַ טייל מחברים גופֿא באַטראַכטן זיך נישט אַלס יידישע שרייבער.

מיר שטייען אויף דער שוועל פֿון אַ תקופֿה, ווען אין ענגליש וועט אַמבולטסטן קומען צום אויסדרוק דאָס קולטור־גייסטיקע פּרצוף פֿון יידישן פֿאָלק. (ווייל זי איז די שפּראַך פֿון נייעם העגעמאָן־ישוב). עס זענען טאַקע נישט

# דיסקוסיע־אַרטיקלען

ג. גאָלדבערג

# די שפּראַך פון יידישן וועלט־פאָלק

די קולטור פון אַ נאַציע ווערט געשאַפן הויפּטזעכלעך דורך די פאָלקס־מאַסן גופא. די שאַפונגען פון דער גייסטיקער עליטע ווערן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אויף וויפל זיי זענען אינספּירירט פון פאָלקלאָר און פאַרוואָרצלט אין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

די קולטור פון פאָלק קומט צום אויסדרוק אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און פאַרקערט — די אומגאַנגסשפּראַך מיט וועלכער דאָס פאָלק באַנוצט זיך און אין וועלכער עס שאַפט גייסטיקע ווערטן — איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

די יידישע נאַציע האָט אין יעדער עפּאָכע (זינט חורבן בית ראשון) באַוווינט עטלעכע לענדער אין דער זעלבער צייט. אין אַ געוויסן געאָפּאָליטישן פּונקט האָט אָבער אין יעדער תקופה עקזיסטירט אַ ישוב, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט די מערהייט פון פאָלק און זיין גייסטיק־שעפערישע נאַציאָנאַלע ענערגיע. אַזאַ ישוב אין דער געגעבענער תקופה איז געווען דער העגעמאָן אין יידישן פאָלק.

אין אַלע לענדער פון דער צעשפּרייטונג האָבן יידן אין אַלע צייטן געלעבט ווי אַ מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד. אַזוי אויך דער העגעמאָן ישוב. אַזאַ צושטאַנד האָט געשאַפן אַ נאַטירלעכע טענדענץ צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. טראָץ דעם האָט דאָס יידישע פאָלק נישט אויפגעגעבן זיין עטניש־קולטור־גייסטיקע אייגנאַרט.

יידן האָבן זיך שפּראַכלעך אַסימילירט אין אַראַמיש. זיך באַנוצט מיט אַראַמיש אַן ערך טויזנט יאָר, און געשאַפן אין איר אַ רייכן פאָלקלאָר. אַראַמיש איז געוואָרן אַ יידישע שפּראַך ווייל זי איז געוואָרן די שפּראַך פון העגעמאָן־ישוב, וועלכער האָט גענאָסן פון אַ ברייטער קולטור־אויטאָנאָמיע און פון מעגלעכקייטן פאַר שעפערישקייט מצד די פאָלקס־מאַסן. אין דער זעלבער צייט האָבן יידן אין אַנדערע ישובים זיך באַנוצט מיט גריכיש אָדער לאַטיין, וועלכע זענען נישט אינטים פאַרבונדן מיט אונדזער קולטור־טראַדיציע, טראָץ דעם וואָס יחידים האָבן אין די שפּראַכן געשאַפן גייסטיקע ווערטן.

מיט דער צייט איז די העגעמאָניע אין יידישן לעבן אַריבער צום אַראַביש־שפּאַנישן און שפּעטער — דייטשרעדנדיקן יידנטום.

אין די אַנטשפּרעכנדיקע עפּאָכעס האָבן יידן גענוי ווי פריער זיך אַסימילירט שפּראַכלעך, איינהאַלטנדיק די גייסטיקע אייגנאַרט. ס'האָבן אָבער נישט עקזיסטירט קיין מעגלעכקייטן פאַר אָרגאַניזירטער אויטאָנאָמער אַנטוויקלונג און פאַר שעפערישקייט מצד די פאָלקס־מאַסן. די עפּאָכעס זענען פאַרהעלטנישמעסיק קורצע. די דערמאָנטע שפּראַכן זענען נישט געוואָרן קיין יידישע שפּראַכן, טראָץ וויכטיקע שאַפונגען אין די דאָזיקע שפּראַכן פון יחידים. (יידיש־שפּאַניש אָדער לאַדינאָ האָט זיך אַנטוויקלט נאָך דער ירידה פון שפּאַנישן יידנטום און האָט ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע.

יידיש איז אַנטשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דער נאַטירלעכער טענדענץ צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע פון איין זייט — און דער סעגרעגאַציע אין געטאָ — פון דער צווייטער. איר באַזונדערע ראָל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע האָט יידיש צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס יידן פון מערב האָבן אין גרעסערע מאַסן עמיגרירט קיין מזרח־אייראָפּע, באַזונדערס קיין פּוילן.

דער פּראָצעס פון שפּראַכן־אַסימילאַציע האָט אין מזרח־אייראָפּע נישט געווירקט צוליב אַ ריי סיבות (ענגע קאָנצענטראַציע און אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזירטע אויטאָנאָמיע — אַליין אַ רעזולטאַט פון ספּעציפישע באַדינגונגען).

אַ דאַנק די זעלבע סיבות איז דער ישוב געוואָרן דער העגעמאָן פון יידישן פאָלק. אין זיין אומגאַנגס־שפּראַך יידיש, האָט דאָס פאָלק געשאַפן גייסטיקע ווערטן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט. חסידות ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג און שפּעטער — די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זענען געווען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך פון פאָלק — יידיש. די יידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דער באַהעפטונג פון דער גייסטיקער עליטע מיט דער שפּראַך פון פאָלק. עס איז

---

גוריון לופט פעלד אין לוד אָפּצופליען קיין פּוילן", ענטפערט ער.

קאָבי ווייטצנער האָט אין דער האַלבער שעה גערעדט פיל וועגן זיין אינטערעס אין יידישע פילמען און יידישן טעאַטער און דערציילט, אַז ער גרייט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן שלום עליכמס ווערק אויף דער בינע און אין פילמס. ער פליט קיין פּוילן, ווייל ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָרטן איז דאָ א פילם־סצענע פון שלום עליכמס אַ ווערק, וואָס מען האָט נאָך דערווייל נישט געוויזן אין מערב.

בקצור — ס'זענען דאָ דורות יידן אין אַמעריקע און אין אַנדערע גרעסערע יידישע ישובים ביי וועמען דער יידישער פילם איז אַן אומצעטיילבאַרער חלק פון דער יידישער קולטור, וואָס זיי קענען און ווילן זיך באַקענען. אין אַמעריקע און נישט בלויז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ דור יונגע יידישלעכע יידן, וועלכע האָבן מיט מעשים באַוויזן, אַז זיי האָבן אַ וואַרעמע באַציאונג צו דער יידישער קולטור ירושה און אַז זיי קענען שאַפן אין דער שפּראַך פון דעם מענטשן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — פילמען.

געווען וויכטיק פאַר זיין אוידיענץ, און ער האָט גענוצט דעם פילם אַלס אַ מיטל אויסצולאַכן יענע יידן, וועלכע האָבן נישט געלעבט אין זיין „היימלאַנד". נאָרמאַן דזשואישאַן, פון זיין זייט, האָט פילמירט די געשיכטע פון אַ בכבודיקן זקן אין דער אַלטער וועלט, מיט וועמען יעדער איינער קען זיך זען אויף זיין אָרט".

מיטן זעלבן אַנאַליטישן מעטאָד, געבויט אויף די פרינציפן פון דער פילם-קונסט און וויסנשאַפט און אויף זיין אוצר פון יידישן וויסן באַהאַנדלט ד"ר גאָלדמאַן די פאַקטן אין דער געשיכטע פונעם יידישן פילם.

ווי קומט ער, אַ געבוירענער אין פילאַדעלפיע מיט 29 יאָר צוריק, וועלכער האָט שטודירט אין פאַרשידענע אוניווערסיטעטן אין לאַנד — צום יידישן פילם?

ד"ר גאָלדמאַן ענטפערט: „איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אַזאַ זאַך, וואָס מען באַצייכנט „יידישער פילם" צום סוף פון די זעכציקער יאָרן. איך האָב באַזוכט פריינד אין באָסטאָן און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז מען ווייזט אַ יידישן פילם „דער דיבוק". איך בין אָבער געווען פאַרנומען און נישט געקענט גיין זען דעם דאָזיקן פילם. איך האָב דאַן געמיינט, אַז דאָס איז דער איינציקער יידישער פילם. שפעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין מאַסאַטשוסעטס אוניווערסיטעט אין עמהירסט ווייזט מען אַ צאָל יידישע פילמען. וואָס זענען דאָס אייגנטלעך יידישע פילמען? ווער האָט זיי געשאַפן? ווען און ווו זענען זיי פראָדוצירט געוואָרן?"

„אין 1974", דערציילט ער ווייטער, „האָב איך געזען אין קווינס דעם ערשטן יידישן פילם „יידל מיטן פידל" און איך האָב דאַן באַשלאָסן אַנצוהייבן מיין פאָרש-אַרבעט".

2.

אַ דאָקומענטאַלן פילם אויף אַ היינטצייטיקער טעמע — רעכט פון עמיגראַציע פאַר סאָוויעטישע יידן און רעכט פון סאָוויעטישע יידן זיך אויסצולעבן אין זייער געבורטסלאַנד אין ווירדע אַלס יידן — קלייבט זיך פראָדוצירן דער „נייער אַמעריקאַנער" מיכאַל שמולעוויטש.

ער און זיינע עלטערן האָבן עמיגרירט פון טשערנאָוויץ, סאָוויעטן פאַרבאַנד, זענען געקומען קיין אַמעריקע אין 1975. ער שטודירט איצט אין קאָלאָמביא אוניווערסיטעט אין ניו יאָרק אויפן געביט פון פילמען. זיין פלאַן, ווי ער האָט איבערגעגעבן אין אַ געשפרעך, נעמט אַריין די פאָלגנדיקע מאָמענטן פון זיין פילם-טעמע:

1. דער אַכטער יערלעכער סאָלידאַריטעט מאַרש אין ניו יאָרק פאַר די סאָוויעטישע יידן פון דעם 29-טן אַפריל מיט דער באַטייליקונג פון 140 טויזנט מענטשן, צווישן זיי פראָמינענטע געזעלשאַפטלעכע טוער, יידן און נישט-יידן, און די צוויי באַפרייטע יידישע אַקטיוויסטן פון מאָסקווע, מאַרק דימשיץ און עדוואַרד קוזניעצאָוו.

2. די אַקטיוויטעטן פון דער ניו יאָרקער קאָנפערענץ פאַר סאָוויעטישע יידן, וואָס האָט געשפילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער באַפרייאונג פון די דערמאָנטע אַקטיוויסטן און וואָס זעצט פאָר דעם קאַמפיין פאַר די מענטשן-רעכט פון די יידן אין סאָוויעטן פאַרבאַנד און פאַר דער באַפרייאונג פון די טורמעס און שקלאַפן לאַגערן פון אַלע יידישע אַקטיוויסטן.

3. דאָס לעבן פון די „נייע אַמעריקאַנער" אין אַזעלכע געגנטן, ווי בראַיטאָן ביטש ברוקלין, ווו זיי באַקענען זיך, צווישן אַנדערן, מיט אַזעלכע פאַרבאָטענע אין רוסלאַנד טראַדיציאָנעלע יידישע אינסטיטוציעס ווי חתונות, בר מצוה און יידישע יום טובים, ווי יום כיפור און אַנדערע.

4. קורצע אינטערוויוען מיט מעיאָר קאָטש פון ניו יאָרק און די סענאַטאָרן דזשעקסאָן, דזשאַוויץ און מאָיניהען וועגן אַזעלכע פראָבלעמען, וואָס שטייען אויפן סדר היום פון אַמעריקע ווי די באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם סאָוויעטן-פאַרבאַנד, „סאַלט 2" און דער דזשעקסאָן-וואַניק אַמענדמענט, לויט וועלכן אַמעריקע גיט נישט דעם סאָוויעטן פאַרבאַנד האַנדלס הנחות כל-זמן דער קרעמל זעצט פאָר די באַגרענעצונגען אויף עמיגראַציע, און

5. אַ רייזע קיין ישראל צו פילמירן אַן אינטערוויו אין ירושלים מיט דימשיץ און קוזניעצאָוון וועגן זייערע דערפאַרונגען אין קאַמף פאַר מענטשן-רעכט און יידן-רעכט אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד.

ווי ס'איז צו זען קען אַזאַ פילם-דאָקומענט פון דעם יונגן יידישן סטודענט מאַכן אַ וויכטיקן בייטראָג, נישט בלויז אַלס אַ היסטאָרישער דאָקומענט וועגן דעם העראָאישן קאַפיטל אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, נאָר ער וועט אויך דערציילן מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט אין דער פאַרשטענדלעכער וועלט שפראַך — פילמען — וועגן דער טראַגעדיע און העראָאיזם פון סאָוויעטישן יידנטום.

ס'איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס מיכאַל שמולעוויטש איז פול מיט האָפענונג, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט זיין פילם-פראָיעקט און ער וועט קריגן, סוף כל סוף, אַ מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אים.

3.

קאָבי וויטצנער, אַ יונגטלעכער ישראלי, איז פאַרבונדן מיטן דראַמע דעפאַרטמענט פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. דורך אַ צופאַל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אין ישראל געפינט זיך אַן אַמעריקאַנער טוריסט, וועלכער אינטערעסירט זיך מיטן יידישן פילם. דער יונגער ישראלי לאַדט איין דעם אַמעריקאַנער טוריסט צו באַגעגענען זיך אין בית סוקולוב, דער צענטער פון די ישראל זשורנאַליסטן אין תל אביב, בלויז אויף אַ האַלבער שעה, נישט מער, זיך דורכצושמועסן וועגן יידישע פילמען.

„אָבער פאַרוואָס בלויז נאָר אויף אַ האַלבער שעה?" איז דער אַמעריקאַנער נייגעריק צו וויסן.

„ווייל פון בית סוקולוב מוז איך זיך איילן צום בן

דוד מאַטיס (ניו-יאָרק)

# יידישע יוגנט אַנטדעקט דעם יידישן פילם

.1

דער יידישער פילם איז היינטיקע צייטן אַ גרויסער יחסן. ער ווערט אויפגענומען ווי אַ געהויבענער גאַסט אין אַזעלכע פּרעסטיזשפולע קונסט-פּאַלאַצן, ווי דער וויטני מוזיי אין ניו יאָרק, און דער אַמעריקאַנער פילם-אינסטיטוט אין וואַשינגטאָן.

אַפילו אויף דער יידישער גאַס, וווּ מען האָט געלייגט ווייניק אַכט אויף אים אין די יאָרן פון זיין אויפבלי — צווישן ביידע מלחמות — האָט מען שוין איצט אָנגעהויבן, לאָמיר אונטערשטרייכן דאָס וואָרט אָנגעהויבן, ערנסט צו אינטערעסירן זיך מיטן יידישן פילם. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זיך געשלאָסן זונטיק, דעם 29-טן אַפּריל אין גרויסן זאַל פון דער „וואַי" אויף דער 92-טער גאַס און לעקסינגטאָן עוועניו, ניו יאָרק, דער צווייטער יידישער פילם-פעסטיוואַל אין שטאָט.

אויפן צווייטן פעסטיוואַל זענען געוויזן געוואָרן די פּאָלגנדיקע יידישע פילמען: „גרינע פעלדער" 1937, לויט דער דראַמע פון פּרץ הירשביין; „ווו איז מיין קינד?", 1937, מיטן אָנטייל פון צילי אַדלער; „מאָטל פּייסי דעם חזנס" 1928, לויט שלום עליכם; „דער ווילנער באַלעבעסל", 1940, מיטן אָנטייל פון משה אוישער; „דער פּורים שפּילער" 1937, מיטן אָנטייל פון מרים קרעסין, און „טביה", 1939, לויט שלום-עליכם, פּראָדוצירט פון מאָריס שוואַרץ.

אַ פּראָגראַם פאַר אַ דריטן פעסטיוואַל פון יידישע פילמען ווערט שוין צוגעגרייט אין „וואַי", לויט דער דערקלערונג פון סימאַ מיטמאַן, געהילף צום דירעקטאָר פון ספּעציעלע אונטערנעמונגען אין „וואַי".

יידישע פילמען ווערן איצט געוויזן אין פאַרשידענע לאָקאַלן אין אַלע טיילן פון ניו יאָרק, ווי אויך איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד. אין פּאַריז האָט אַ פעסטיוואַל פון יידישע פילמען לעצטן אַפּריל אַרויסגערופן דעם צאָרן פון יידן-האַסער, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך אויפצורייסן דעם „אָלימפּיק"-טעאַטער מיט דינאַמיט.

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אַמעריקע אַ ליטעראַטור אַרום דעם אומבאַקאַנטן יידישן פילם. פאַר געוויסע פילם-קריטיקער איז דער יידישער פילם, וואָס קען זיך שוין באַטראַכטן ווי אַ „סיניאָר סיטיזען" — 65 יאָר אַלט — געווען ממש אַ ניי-געבוירן קינד. אָבער די אינטעלעקטואַלן אין דער פילם-וועלט האָבן באַהאַנדלט דעם יידישן פילם מיט רעספּעקט, ווי אַ „סיניאָר סיטיזען" פאַרדינט. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אין ערנסטן זשורנאַל „פילם קאָמענט", יאַנואַר-פעברואַר 1976, דערשינען אַ לענגערער אַרטיקל פון פּאַטרישיאַ ערענס אונטערן טיטול: „מענטשלעכקייט באַזיגט אַלץ — דער יידישער פילם אין אַמעריקע"; דזש. האָבערמאַן פון „ווילעדזש וואָיס" — די פּאָפּולערע מאַסן-וואָכנבלאַט פון דער אַמעריקאַנער יוגנט — האָט דעם 3-טן מאַי 1976, פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל אין דער צייטונג וועגן אויפלעב פונעם יידישן פילם. גאָר נישט לאַנג צוריק, אין יוני-יולי נומער פון חודש-שריפט „פילמס אין רעוויו" איז דערשינען אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג פון קעראָל בורנעט וועגן יידישן פילם.

אין דעם דאָזיקן אויפלעב פונעם יידישן פילם אין די זיבעציקער יאָרן האָט די שטודירנדיקע יידישע יוגנט אַ גרויסן חלק. איינער פון אָט די יונגע חלוצים אויפן געביט פון יידישע פילמען איז עריק (אברהם יצחק) גאָלדמאַן, וועלכער האָט געמאַכט יידישע קולטור געשיכטע, ווען ער האָט געקראָגן פון דעם ניו יאָרק אוניווערסיטעט דעם טיטול דאָקטאָר פאַר זיין ברייטער געשיכטע-אַרבעט: „די וועלט-געשיכטע פון יידישן פילם".

יעדער איינער פון די פינף פּראָפעסאָרן האָט געהאַט געלייענט זיין געשיכטע פון יידישן פילם, וואָס שטיצט זיך אויף זיינע פאָרשונגען אין אַמעריקע, ישראל, סאָוויעטן פאַרבאַנד, פראַנקרייך, רומעניע און פּוילן, ווי אויך אויף אינטערוויוען מיט אַ צאָל פּראָדוצירער און אָנטיילנעמער אין די יידישע פילם-שאַפונגען פאַר דער מלחמה. יעדער איינער פון די פּראָפעסאָרן האָט, פאַרשטייט זיך, געשטעלט אים וועזנטלעכע פראַגן ספּעציפיש וועגן דעם יידישן פילם ווי בכלל וועגן דער פילם-קונסט און וויסנשאַפט, וואָס גאָלדמאַן האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט.

די אַרבעט הויבט זיך אָן מיט אַ קאַפּיטל: „וואָס איז אַ יידישער פילם". נאָכדעם קומען די פּאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: „די פּאָראויסגייער" — 1910 - 1918; „די נאָך-מלחמה שטומע פילמען: עסטרייך, פּוילן און די פאַראייניקטע שטאַטן" — 1925 - 1933; „דער סאָוויעטישער יידישער פילם" — 1925 - 1933; „דער אַמעריקאַנער יידישער קלאַנג-פילם" — 1929 - 1937; „די גאָלדענע עפּאָכע פון יידישן פילם" — פּוילן 1936 - 1939; „די גאָלדענע עפּאָכע פון יידישן פילם" — אַמעריקע — 1937 - 1940, און „נאָך דער מלחמה — די לעצטע יידישע פילמען — 1946 - 1948.

פון אַ באַזונדערן אינטערעס אינעם בוך איז די אָפּהאַנדלונג איבער דער פילם-געשטאַלט פון שלום-עליכמס טוביה אין די דריי פילמען: „טוביה דער מילכיקער", 1939, פון מאָריס שוואַרץ; „טוביה און זיינע טעכטער", 1968, פון מנחם גולן און „פידלער אויפן דאַך", 1971, פון נאָרמאַן דזשואישאַן. וועגן דעם שרייבט גאָלדמאַן צווישן אַנדערן: „אַלע דריי פילם-שאַפער האָבן געקענט נעמען דעם זעלבן מאַטעריאַל און צופּאַסן אים צו זיין ספּעציפישער אוידיענץ. מאָריס שוואַרץ האָט זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיטן זאָרג פון יענע צייטן וועגן יידישן קיום. מנחם גולן האָט אָנגערירט אַ צאָל טעמעס, פון וועלכע יעדע איינע איז

צום סוף, ר׳ גימפעלע פון זשאַמוט, ער האָט אָנגעהויבן שטילערהייט צו זיך ריידנדיק:

— אָ, איר זעט דאָך שוין לכתחילה דעם טעות. עס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן דער חוש הראיה, — ער זעט די וועלט אין אירע פאַרבן, אָבער, ער ווייסט נישט, אויב עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. עס איז אים געגעבן געוואָרן דער חוש השמיעה, — ער פאַרנעמט אַרום זיך קלאַנגען און ניגונים, אָבער ער מיינט, אַז די וועלט אַליין איז אַ ניגון. ער האָט דעם חוש המשוש — באַטאַפּט ער זיך און באַטראַכט די וועלט, ער פילט צוויי וועלטן און האָט נישט קיין השגה פון בײדע. אַצינדערט, אַז ער האָט שוין די פינף חושים, איז ער טאַקע תופס דעם סוד פון דער באַשעפעניש אַנדערש, אָבער צי דען איז עס די ריינע וועלט? האַ, איז עס נישט פאַרבלענדעניש?

און עס ווערט שטיל אינעם שולעכל: דער נר תמיד ברענט אין זיין גלעזערנעם עלמערל, ווי אַ נשמה. עס קומט אויס, ווי מען געפינט זיך אויף דער ריינער וועלט, ווו די שאָלעכצן זענען אָפּגעפאַלן. נאָר מיטאַמאָל שפּרינגט אויף ר׳ שמעיה רייסענער פון זיין פינסטער ווינקעלע אַרויס און מיט די פויסטן אין דער הויך שרייט ער אויס מלא פאַרביטערונג:

— זעט, איך בין דאָך נישט מסכים מיט די שאַרפע מוחות און איך זאָג זיך אָפּ אינגאַנצן פונעם שכל מיינעם. עס ווערט געבאָרן אַ קינד אָן פאַרשטאַנד: וואָס באַטייט עס? — עס באַטייט אַז איך נעם אַריין דעם שכל אויף אָט דער וועלט. היינט ווי אַזוי קאָן איך מיט אַ כלי, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון וואַסער, שעפּן וואַסער?

און ר׳ בערעלע פון לוניניעץ, וואָס איז געלעגן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן שטענדער, וואָס פון זיין אָפענער ברוסט האָט ארויסגעשלאָגן די בלייכקייט פון פאַרן טויט, האָט אויך אָנגעהויבן זינגענדיק צו זיך, מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— אָ, איך בין דיך משיג, רבונו של עולם, מיט דער הויט און מיט די שפּיצפינגער מיינע, נעם מיך אַריין אין שטוב צו דיר און צי אַרויס פון מיין לעבן די נשמה, ווי מען ציט אַרויס אַ שפּענדל אַ פאַרשטעכעכץ. צי וואָס דאַרף איך באמת האָבן די נשמה, רבונו של עולם?

און עס ווערט ווידער שטיל, אַלע קוקן מיט צוגעשלאָסענע אויגן, עס איז אָט־אָ די שטילקייט, וואָס האָט אין זיך קיין אָטעם נישט. נאָר אָט שלייכט אַרויס פון הינטערן אויוון ר׳ אברהמל בעל תענית, אַ באָרוועסער, אַ פאַר־שלאָפענער, די קאַפּאָטע אויפן הוילן לייב פונאַנדערגע־שפּיליעט; ער שטעלט זיך אָפּ אָנטקעגן ר׳ בערעלען, קוקט אויף דעם פאַרשמאַכטן קאָפּ זיינעם, וואָס ליגט אויפן שטענדער, און אַויף דער נאָז, וואָס בלייכט פון דער פינ־סטער. ער שמייכלט אַריין אין דער בלאָטיקער ציגנבער־דעלע זיינער, און קראַצנדיק זיך פון פאַרגעניגן זאָגט ער:

— בערעלע, איך וויל גאָרנישט טאָן אויף דער וועלט. נישט טועגדיק בליען דאָך בוימער, נישט טוענדיק וואַקסן דאָך קינדער. כ׳וועל זינגען, ווי אַ פייגעלע, און ס׳וועט מיר גוט זיין. כ׳וועל עסן, ווי אַ וואַראַנעלע און וועל זאַט ווערן. פּרנסני ככלב וכעורב. גאָטעניו! מיט אַ בגד איז מיר גוט און אָן אַ בגד איז מיר נאָך בעסער. מיט אַן אשה איז מיר גוט און אָן אַן אשה איז מיר אַוודאי גוט — — — גאָטעניו, גאָטעניו!

און ער גייט אַזוי אַוועק מיט אַ נאַקעטן לייב איבערן פינסטערן שולעכל, רייבט די הענט פון פרייד און מיט טרערן אין די אויגן זינגט ער אויס זיין לויב־געזאַנג צו דער וועלט" — — —

*

עס איז גרינגער געוואָרן, ווי אַ שווערע זלידנע פינ־סטערניש וואָלט אַרויסגערונען פון דער נשמה. ער איז געשטאַנען אין מיטן חדר מיט צוגעשלאָסענע אויגן און זיך צוגעהאָרכט צו דעם, וואָס עס ווערט נאָך געטאָן ביי אים אינעווייניק. עס איז געווען ווי מען וואָלט אויפגע־רירט אין אים אַ נעסט — — — הינטערן טיר האָבן זיך אָפּגערופן די געפרעסטע, שטייפע טריט פונעם וועכטער.

עס איז שוין, ווייזט אויס, געווען שפּעט אינאָוונט.

אויבן, ביים זייט, אַדורך דאָס פירקאַנטיקע שטיקל בלוי, האָט זיך פאַרקלערט אַריינגעגאָסן די לבנה, ווי אַ שטיל, ווייך געזאַנג פון אַן אַנדער וועלט.

---

### י. מ. לעווין

## שאַטנשפּיל פון אַרבעטסלאָזע הענט

הענט אין רעפלעקטאָר־ליכט געשטרעקטע, בלענדן
ווי שוואַנען־העלדזער פון זון־שטראַלן געוועבט,
אויף דער וואַנט שאָטנס פלעכטן זיך און בינדן
אין אַ שטום־געשריי: — לאָזט אונדז נישט פאַרשעמט!

הענט ליידיקע, באַלאַדענע מיט עול זיך וויגן,
רופן: — אונדזער הילף פונוואַנען?!
אינעם שאָטנשפּיל טונקלט זייער טרויער־ניגון:
וועלט, איז ביי דיר גאָר קיין יושר נישט פאַראַנען?

אַרבעט! מאָנען צען פינגער אויסגעשטרעקטע —
אַ צעפעכערטער שוואַנען־פליגל,
אויף דער וואַנט אין שאָטנס איינגעדעקט
קרייזן זיי אויס אַ שוואַרצן, פחדיקן עיגול.

מענטש, נישט נויטיק מער דיינע הענט! —
שמייסט וועלט זיי מיט בייזע ריטער,
זע, מאַשינען בויען איצט די העכסטע ווענט —
דו האָסט זיי באַשאַפן, דיינע איצטיקע געביטער!

שטאַרבן ווייסע העלדזער אין פיין צעקלעמט
און פאַלן ווי האַרבסטיקע בלעטער צעשמיסן דורכן ווינט;
— — — — — — — — — — — — — — — —
הענגען פינגער מאַכטלאָז, שטיל פאַרשעמט
— — — שאָטן־שפּיל הינטער זיי פאַרשווינדט...

משה קולבאַק

# „מאָנטיק"

## פראַגמענטן פון אַ ראָמאַן

### מרדכי מאַרקוס

דאָס פּירקאַנטיקע שטיקל בלוי איז איצט געהאָנגעןביים זייט פון דער תפיסה אַדורכגעקעסטלט מיט אייזערנע שטאַבעס. עס איז געווען דאָס איינציק ווייכע אָרט אין די ווענט, ווהין די אויגן האָבן זיך געצויגן אָפּצורוען פון דער טונקלעניש.

מרדכי מאַרקוס איז געזעסן אויף דער נאַרע מיט אַראָפּגעהאָנגענע באָרוועסע פיס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אונטער דער נאַרע, טראַכטנדיק. די גאַנצע תפיסה האָט פּאַמעלעך געטראַכט: עס איז ווויל דעם שטילן מענטשן, וואָס לעבט מיט דעם ריינעם זיין אין דער וועלט.

און מרדכי מאַרקוס האָט געשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן פון אָט דעם טונקעלן גליק, וואָס איז צו אים אַזוי אומגעריכט אַראָפּגעקומען מיט דעם קערפּער זיינעם.

— ברענג נישט אַרויס קיין געדאַנקען. זיי שטיל, ווי אַ וואַסער, וועסטו געניסן פון קלאָרן זיין.

ער האָט אָנגעטאַפּט די קאַלטע ווענט פּאָרזיכטיק, און געשמייכלט פונעם געפיל, וואָס מען האָט אים איבערגעלאָזן אינגאַנצן אליין אין אָט די פיר ווענט מיט דעם קערפּער זיינעם.

פונעם בלויען פענצטערל האָט אין דער טונקלעניש פון תפיסה אַריינגערונען אַ ריינקייט, ווי פון אַ פרישן ברונעם. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס קילע בלוי און געטראַכט, געטראַכט: עס איז געווען א צושטאַנד פון טראַנס אָט יענער טאָג, ווען ער איז אָפּגעזעסן ביי די אָרע־מעלייט און געפריידיקט פאַר זיי אָרעמקייט; עס טרעפט. עס איז געווען אַ צושטאַנד פון טראַנס, וואָס וועט זיך שוין זיכער נישט צוריקקערן. און איצט איז ער, מרדכי מאַר־קוס, שוין ווידער אַ פּראָסטער העברעישער לערער, וואָס זיצט אומזיסט אין דער תפיסה.

אָבער פאַרוואָס האָב איך אַזוי טרויעריק ליב אָט די מענטשן? און פאַרוואָס ווילט זיך מיר אַזוי זיין, זיין גאַר־נישט טוענדיק, ווי עס איז דאָ די לבנה אויף דער וועלט, כאָטש זי טוט אויך גאָרנישט?

— מסתמא איז דאָ אין אָט־אָ דער וועלט נאָך אַ ווינקל אַזאַ, וואָס מען פאַלט אין אים אַריין צופעליק און דעמאָלט איז מען באמת, אָבער קיינער ווייסט עס נישט.

— מיר, אָט־אָ די, וואָס לאַכן קיין מאָל נישט: מיר, וואָס מיר שמייכלען האָבנדיק טרערן אין די אויגן, — ווו זענען מיר עס געלייטערט געוואָרן? און פאַרוואָס קומט עס אונדז אומזיסט אַזוי פיל גליק? און פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרק געניסן פונעם טרויער, בעת מאַנכע גייען אַרום פאַרשמאַכט, ווילן זיך פייניקן און קענען נישט, און זיי פאַרדאַרבן, ווען זיי טוען גאָרנישט, האַ?

ער איז אַראָפּ פון נאַרע, צוגעשטעלט דאָס בענקל צום צוגעשמידטן טישל ביים וואַנט און ארויפגעקראָכן, וואָס טוט זיך, אייגנטלעך, דאָרטן, אויף יענער זייט? —

עס איז געלעגן דער טייך סאַמע ביי דער תפיסה, אַ בלויער, אַ בלוי־טרויעריקער, ווי ער, דער העברעאישער לערער, נאָר דאָרטן ווייטער האָט געגליט די געגנט אין דער זון: עס האָבן זיך גערויכערט די בערג אַרום שטאָט, אַרומגעקלעפּט מיט שוואַרצגרויע סאָלדאַטן צופוס און אויף פערד; אַ שטויב האָט זיך געקנוילט אויף די וועגן. ווו אַמאָל האָט עס אַ ריס געטאָן די ערד, מענטשן דאָרטן זענען פלוצלונג אומגעפאַלן, איבערגעקוליעט זיך, אַ קער געטאָן זיך אין זומפּ מיטן פּנים אַרויף און אין בלאָטע, און שוין פאַרבליבן אַזוי. טעמפּע קלעפּ, ווי גרויסע כוואַ־ליעס, זענען אומגעשווומען. פון די בערג איז מען אַראָפּ אין געדיכטע מחנות, פאַרפאַלן געוואָרן אין קנוילן שטויב אויף די וועגן און, דאַכט זיך, שוין מער נישט אַרויסגע־קומען פון אים.

מרדכי מאַרקוס איז אויף גיך אַראָפּ פון טישל אַ באַ־נומענער פון עפּעס וויכטיקס, וואָס איז אים פלוצלונג אָנגעשווומען פאַר די אויגן — — —

ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט פון דעם, מרדכי מאַרקוס.

און ער איז צוגעלאָפן צו דער נאַרע מיט אַ וואַרעמער צאַפּלעניש אין האַרצן, אַרויסגענומען פון צוקאָפּנס אַ העפט, צו וועלכן עס איז געווען אָנגעהאָנגען אַ בלייער אויף אַ שטריקעלע. ער האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט צום טישעלע:

„...אָט אַזוי, שוין פון כמה יאָרן, זיצן זיי די אַל־טינקע צען בטלנים פאַרטייעטערהייט אין שולעכל און האָרכן און שווייגן. אין טיפער טונקלעניש באַוועגן זיך קוים די קורצע צען שאָטנדלעך. עס ליגט דער הימל אין די פענצטערלעך שווער, ווי אַ בלויע שטיק אייז, ער אָטעמט קאַלט אַריין אין די בערד און נעמט אַרום מיט שרעק זייערע גלידער די אויסגעדייוערטע.

ווי, עס איז שווער דאָס רעדן און איבעריק, ווייל עס ליגן שוין די צונגען אין מויל טרוקן, ווי בלעטלעך ליים, אַמאָל האָט דער שוויגער ר׳ זכריה ביי דער גסיסה צוגעזאָגט: ער וועט קומען פון דאָרטן מודיע זיין, וואָס ס׳איז וואָר אין די וועלטן און וואָס ס׳איז פאַרבלענדעניש, זיצן זיי פאַרוואַקסענע, מיט די קעפּלעך אַריינגעזעצט אין די פּלייצעס, און זיי וואַרטן אויף אים, אויף דעם אומע־טיקן שליח.

קיינער קומט נישט.

פאַרביי אַ פענצטערל פאַלן אַראָפּ שטערן — אַ צייכן, אַז עס טוט זיך דאָך עפּעס וואָס אַרום און עס איז נישט שטיין געבליבן דער גאַנג פון די וועלטן.

עס האָבן זיך צעשאָקלט די קליינע צדיקימלעך מיט התלהבות, איטלעכער אין זיין ווינקעלע, נישט געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן און געשטאַרק זיך נישט אַרויס־צורעדן אַ וואָרט. אָבער, ער האָט נישט אויסגעהאַלטן

# צום אָנדענק פון די דערמאָרדעטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער



דוד בערגעלסאָן
1952 — 1884

## דוד בערגעלסאָן

ציפע ז״ל, זיין טרייע לעבנס-באַגלייטערן האָט מיט איניקע יאָרן נאָך דעם בראָך דערציילט:

אויף דער חתונה ביי זיי, אין 1918, איז צווישן די חשובע געסט דער חשובסטער געווען ח י י ם נ ח מ ן ב י אַ ל י ק. דער גרויסער פאָלקס-דיכטער האָט בעת דער שמחה אָפּגערופן די כלה אין אַ ווינקל און געזאָגט: — ציפעלע-קרוין, דיין דוד איז אַ גרויסער שרייבער ביי יידן. אַ זעל-טענע צירונג פאַר אונדזער פאָלק. היט אים, ציפעלע, ער זאָל קיין מאָל ניט אַוועק אין אַ זייט פון זיין באַרוף און טאָמער וועט אים אַ ציִ טאָן ... צו די באָסיאַקעס, צו די באַלשעוויקלעך — זאָלסטו אויס-שפרייטן דיינע שיינע האָר איבער דער שוועל און נישט לאָזן ...״

אַ פאַרפינצטערטע פון צער האָט די אַלטע ציפע שטיל אַריינגעשעפּטשעט און מיין אויער:

— וויי צו מיר, און וויי אונדז אַלעמען: כ׳האָב אים נישט אויסגעהיט! ...

יוסף קערלער, פון בוך, ״12טער אויגוסט 1952״



פּרץ מאַרקיש
1952 — 1895

## פּרץ מאַרקיש

נעם אים אַרום, דעם טרויער ביי דיין שוועל
פיר, ווי אַ בלינדן, פאַר דער האַנט אים, דער פאַרשעמטער
ער קער אַן אייגענער זיך אָן דער גאַנצער וועלט,
אין יעדן איינציקן באַזונדער ז׳ער אַ פרעמדער.

(פון דער פּאָעמע: „צו אַ יידישער טענצערין״)

## משה קולבאַק

גענזן האָב איך יידישע ווערטער ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פּייערלעך קליינע
ווי פונקען געצויגן פון פינצטערן אַרץ,
געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
ווי טייבעלעך ריינע
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ ...



משה קולבאַק
1940 — 1896

זיי זענען אומגעקומען — ווער פריער — ווער שפּעטער. עס איז געווען דער זעלבער וועג, דער זעלבער חטא, — די זעלבע האַק, — דער זעלבער יידישער גורל: מאַקס עריק, איזי כאַריק, איזאַק באַבעל, אָסיפּ מאַנדעלשטאַם, זעליג אַקסעלראָד, שלמה מיכאָעלס, פּנחס כהנאָוויטש (דער נסתר), איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, בנימין זוסקין און די הונדערטער אומבאַקאַנטע.

זייער גייסטיקייט: די ישיבה און די רוסישע ליטעראַטור. די רוסישע ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע איז געווען אַ הומאַניסטישע. זי האָט רעספּעקטירט מענטשלעכע געפילן, און זיך פאַר זיי איינגעשטעלט; זיך איינגעשטעלט פאַרן געקריוודעטן, פּשוטן מענטשן. וואָס רעאַקציאָנערער עס איז געווען דער צאַרישער רעזשים — אַלץ מענטשלעכער איז געוואָרן די ליטעראַטור, וועלכע האָט באַגייסטערט און אינספּירירט די יידישע אינטעליגענץ און די יידישע שרייבער. אויסער באַוושאָווערן — איז די גאַנצע פּלעיאַדע סאָציאַלע פּאָעטן — געקומען פון רוסלאַנד.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז די יידישע ליטעראַטור געווען אַ כוח, וואָס האָט זיך געריסן פאָרויס. זי האָט געהאַט אידייען, שטרעבונגען, זי האָט געשטעלט פאָדערונגען דעם שרייבער: נאַציאָנאַלע; סאָציאַלע; הומאַניסטישע; זי האָט געהאַט פּערספּעקטיוון; זי האָט געהאַט שעפער און קריטיקער — וועג־ווייזער און לערער, זאַכן פון וועלכע מיר האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט.

אין אונדזער צערודערטער צייט — צערודערט נישט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך גייסטיק, אַ צייט ווען ווערטן ווערן איבערגעשאַצט; ווען מיר האָבן מענטשן, וואָס באַטראַכטן זיך פאַר אידייאישע מענטשן — עס פעלט זיי אָבער דער אידעאַליזם. האָבן מיר שרייבער, מיר האָבן אָבער נישט קיין יידישע ליטעראַטור אין דעם זין, זי זאָל שפּילן אַ דערציערישע ראָל; אַן עסטעטיש־אידייאישע; זי זאָל זיין אַן אינספּירירנדיקע פאַר מעשים; זי זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אידייען פון סאָציאַלן יושר; פון מענטשלעכקייט — די ליטעראַטור וועלכע האָט געהאָלפן באַוווסטזיניק מאַכן דעם יידישן אַרבעטער און אויף וועלכער ס׳איז אויסגעוואָקסן אונדזער פאָלקס־אינטעליגענץ.

לאָמיר דערביי קלאָר מאַכן, וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן באַגריף: ליטעראַטור. דער באַזיס, דער שטאָם פון בוים וואָס הייסט ליטעראַטור — איז בעלעטריסטיק — די דערציילונג, דער ראָמאַן. ערשט שפּעטער צעוואַקסן זיך די צווייגן ווי פּאָעזיע, קריטיק, דראַמע, עסייאיסטיק (געווען אויך אַמאָל אַ וויכטיקער צווייג — איבערזעצונגען). עס קאָנען אָבער נישט זיין קיין צווייגן אָן אַ שטאָם.

צווישן די ביכער, וועלכע דערשיינען היינט, איז אַ גערעטעניש אויף ביכער וועלכע באַהאַנדלען יידישע שרייבער, פאַרשטייט זיך פון פּרץ, מענדעלען — ביז... צווישן די באַהאַנדלטע שרייבער געפינען זיך צופעליק אַ פּאָר נעמען, וועלכע זענען נאָך שפּעריש. דער גרעסטער טייל אָבער לעבט שוין נישט 40־50 יאָר. אָבער דאָס אַרט קיינעם נישט. מען שאַצט אָפּ (אָדער איבער — צום וויפלסטן מאָל?) דאָס ליד, די דערציילונג. איינער קייט איבער דעם צווייטנס געדאַנקען. פון אָט די ביכער קאָן מען האָבן דעם איינדרוק אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ טויטע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט מיטן לעבן פון היינט (אָדער מאָרגן) גאָר קיין שייכות נישט. נאַטירלעך, ווי עס פירט זיך ביי אונדז, דאָס געגעבענע בוך (וועגן די שרייבער וואָס שאַפן שוין נישט באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט) ווערט באַלד אויפגעכאַפּט פון אַ כאָר פון זקנים, וועלכע באַגייסטערן זיך מיט זייער קינדהייט.

וואָהין פירט אַזאַ ליטעראַטור? וועמען נוצט אַזאַ ליטעראַטור?

נישטאָ אין דער יידישער ליטעראַטור קיין אויטאָריטעטן מער, קיין אָפּשאַצער, קיין שרייבער, וואָס זאָלן נישט מורא האָבן אַ קוק צו טאָן דער ווירקלעכקייט אין פּנים אַריין — און אויסשרייען: דער קעניג גייט נאַקעט! ווו וועט איר אויפהענגען די אַלע גאָלדענע מעדאַלן (פּרעמיעס) וועלכע איר ווערט נישט מיד צו מינצן?

די באַצייכענונג: קריזיס, איז נישט גענוגנט צו באַצייכענען דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור. פון אַ קריזיס קאָן מען אַרויסקריכן. עס איז דער מצב פון קייקלען זיך באַרג אַראָפּ אין אַ טעמפּאָ, וואָס קיינער קאָן נישט (און אפשר וויל מען גאָרנישט?) אָפּשטעלן.

וואָהין די יידישע ליטעראַטור וועט זיך דערקייקלען, איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן.

**מ. אייזענבוד** (1979)

# אין דער לעצטער מינוט

ווען דער נומער איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן, האָט אונדזער אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן דער רושם, וואָס עס האָט ארויסגערופן אין דער אויסטראַלישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע דאָס בוך פון בן ציון פּאַטקין: „די אינטערנירטע פון דער שיף דונעראַ" (ענגליש).

עס האַנדלט זיך וועגן דער שיף „דונעראַ", וועלכע האָט פאַרלאָזן ענגלאַנד דעם 10טן יולי 1940, און איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע דעם 7טן סעפּטעמבער דעם זעלבן יאָר.

די שיף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום פאַר די 2542 דעפּאָרטירטע (די מערהייט פון זיי — דייטשע יידן), וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון די נאַצישע נעגל, און זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, ערב דער מלחמה.

די יידן — קרבנות פון נאַציזם — האָבן די ענגלישע ביוראָקראַטן קוואַליפיצירט ווי דייטשן. צוליב מורא פון אַ דייטשער אינוואַזיע, האָט מען זיי פאַרשיקט אין אינטערנירונגס־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אויסטראַליע.

דער באַקאַנטער היסטאָריקער, שרייבער און דעפּוטאַט פון פאַרלאַמענט בערי דזשאָנס באַצייכנט דעם דאָזיקן אַקט פון טעמפּער ביוראָקראַטיע:

„ביוראָקראַטישער אידיאָטיזם און די דונעראַ טראַגעדיע" (רעצענזיע אין „אידזש" פון 15טן סעפּ. ה. י.)

✶

בן ציון פּאַטקין שטאַמט פון רוסלאַנד. קיין אויסטראַליע איז ער געקומען אין יאָר 1929. זייט דאַן איז ער אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער.

מיר באַגריסן אים פאַר נעמען אויף זיך די מי צו ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט נאָך איין קאַפּיטל פון דער יידישער טראַגעדיע, צווישן די יאָרן 1939־1945.

# דער קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור

**צווישן די צוויי מיינונגען איז אַן אָפּשטאַנד פון 24 יאָר**

אין פלוג קען דאָס קעפל אויסקומען מאָדנע: ווי קען מען רעדן וועגן אַ קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען גראָד איצט דערשיינען אַזוי פיל יידישע ביכער. בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען דערשינען אין יאָר 1953 — 60 יידישע ביכער און אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען דערשינען אין דעם יאָר איבער 100 יידישע ביכער (איך ווייס נישט ווי גרויס עס איז די צאָל דערשינענע ביכער אין יאָר 1954, אָבער זי איז זיכער נישט קלענער ווי אין 1953). רעכענענדיק אַפילו, אַז אַ בוך ווערט דורכשניטלעך געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן, באַקומט זיך אַ צאָל פון הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. גאָר נישט קיין קליינע ציפער, נעמענדיק אין אַכט די צאָל יידישע לייענער היינט־צו־טאָג. צו דעם דאַרפן נאָך צוגערעכנט ווערן יידישע ביכער, וועלכע גייען אַרויס אין ישראל, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

דער קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור דריקט זיך אָבער נישט אויס אין דער צאָל פון אַרויסגעגעבענע ביכער, נאָר אין דעם אינהאַלט פון די אַרויסגעגעבענע ביכער. קוקן מיר דורך די רשימה פון די דערשינענע ביכער פאַר די לעצטע יאָרן, קענען מיר גלייך באַמערקן, אַז כמעט 90 פּראָצענט פון זיי זענען ביכער געווידמעט אונדזער חורבן אָדער זכרונות פון דער אַמאָליקער היים. די צאָל ראָמאַנען איז זייער קליין, און זיי זענען געווידמעט דעם אַמאָליקן לעבן און ענדיקן זיך מערסטנטייל מיט דער צייט פון פאַרן חורבן אָדער מיט דער צייט פון חורבן. זייער ווייניק ראָמאַנען און דערציילונגען ווערן געשריבן וועגן דער היינטיקער צייט און, חוץ עטלעכע אויסנאַמען, זענען זיי לחלוטין נישט אינספּירירנדיק.

איך הער שוין באַצייטנס די שטימען פון די אָפּאָנענטן: ערשטנס, וועגן דער פראַגע פון חורבן־ליטעראַטור, — אַז וויפל מיר זאָלן נישט שרייבן וועגן דעם חורבן, איז אַלץ ווייניק; אַז מיר זענען צו נאָענט צו יענער שרעקלעכער תקופה, מיר זאָלן זיך קענען באַפרייען פון איר ווירקונג און איבערגיין צו אַנדערע טעמעס; אַז מיר זענען דער לעצטער דור, וועלכער האָט איבערגעלעבט די דאָזיקע תקופה און וועמען עס איז באַקאַנט און נאָענט דאָס פולבלוטיקע לעבן אין דער אַמאָליקער היים, עס איז דעריבער אונדזער חוב דאָס איבערצוגעבן די ווייטערדיקע דורות, בכדי די דאָזיקע תקופה זאָל בלייבן פריש אין געדעכעניש פון פאָלק לדור דורות.

ריכטיקע טענות, אָבער אַ פאָלק, און באַזונדערס זיין יוגנט קען נישט לעבן בלויז מיט דער פאַרגאַנגענהייט. די יוגנט לעבט מיטן היינט און מיטן מאָרגן. זי זוכט אַ וועג אין לעבן און טראַכט וועגן מאָרגן. זי זוכט אַ וועג פאַר זיך אויך אין דער ליטעראַטור, הן אין דער יידישער, הן אין דער נישט־יידישער. אונדזער ליטעראַטור וועגן דעם חורבן און דעם גייסטיקן לעבן אין דער אַמאָליקער היים קען בלויז טיילוויַיז געבן איר אַן אָנרעגונג און אַן ענטפער אין אירע זוכענישן און אינערלעכע ראַנגלענישן.

איך הער שוין דעם צווייטן אַרגומענט פון די אָפּאָנענטן, אַז אין דער וועלט־ליטעראַטור בכלל זענען איצט נישטאָ צופיל גוטע ראָמאַנען, און אַז די וועלט אין אַלגעמיין לעבט איצט איבער אַן אידעאישן קריזיס צוליב פיל אידעען, וואָס האָבן אַנטוישט און פיל אילוזיעס, וואָס האָבן געפּלאַצט; אַז אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור קען די יוגנט נישט געפינען קיין גוטע ראָמאַנען, וואָס זאָלן איר געבן אויף אַ קינסטלערישן אופן אַן ענטפער אויף די פילצאָליקע פּראָבלעמען, וועלכע מאַטערן איר.

אויך ריכטיקע טענות, אָבער מיט דעם קען מען נאָך נישט פאַרענטפערן דעם קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור מוז נישט דווקא זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער נישט־יידישער ליטעראַרישער וועלט. אגב האָט די נישט־יידישע ליטעראַטור אַ סך ערזאַץ, וואָס פאַרטרעטן טיילווייז דאָס פעלן פון גוטע ראָמאַנען — בעלעטריסטיש באַאַרבעטע רייזע־באַשרייבונגען, פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, ביאָגראַפיעס, העלדן־געשיכטעס, געשיכטלעכע ווערק א.א.וו. מיר פאַרמאָגן די דאָזיקע ביכער אין אַ גאָר־גאָר באַגרענעצטער מאָס.

די וועלט קען זיך פאַרגינען אַרויסצוגעבן אַ סך ביכער, צווישן זיי אויך שוואַכע ראָמאַנען; זי האָט גענוג מיטלען דערויף. מיר זענען אָבער באַגרענעצט אין מיטלען און דאַרפן זען, אַז אונדזער ליטעראַטור זאָל שטיין אויף דער געהעריקער הייך. דער עיקר נויטיקן מיר זיך איצט אין גוטע היינט־צייטיקע ראָמאַנען, וועלכע זאָלן געבן אויף אַ קינסטלערישן אופן אַ סטימול דעם פאָלק און איבערהויפּט דער יוגנט צום ווייטערדיקן זוכן און שאַפן.

**לייב פרידמאַן** (1955)

---

ווען מיר זאָגן: יידישע ליטעראַטור, איז עס נישט קיין אויסגעטראַכטע באַצייכענונג, אַ דערשיינונג וואָס איז אונדז — ווי דער מדבר־דיקער מן — אַראָפּגעפאַלן פון הימל. יידישע ליטעראַטור איז זיך צעוואַקסן אין דער טיף און אין דער הויך — אין דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע, צו וועלכער עס האָבן געהערט אי פּוילן, אי ליטע, אי בעסאַראַביע — די קאָמפּאַקטע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע. אַלע יידישע שרייבער פון 19טן און 20טן יאָרהונדערט קומען פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום — אַפילו ווען זיי האָבן געשאַפן באַדייטנדיקע ווערק אין אַמעריקע, וועגן אַמעריקע — זענען עס געווען שרייבער, אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד.

כמעט אַלע שרייבער פון יענעם פעריאָד האָבן געהאַט צוויי שולן, צוויי מקורות פון וועלכע זיי האָבן געשעפּט

ערשטער קאַטעגאָריע. דעם פּרעצעדענט קאָנען די סאָוויעטן אויסנוצן כדי צו באַגרענעצן די עמיגראַציע.

לאה סלאָווינס פאָרשלאָג איז: מען זאָל די ביוראָען פון „דזשאָינט" און „האַיאַס" אַריבערטראָגן קיין ישראל. די יידן זאָלן פון ווין פליען דירעקט קיין ישראל. דאָ זאָלן זיי איינהאַלטן זייער סטאַטוס פון פּליטים. אין ישראל זאָלן זיי זיך ווענדן נאָך וויזעס קיין אַמעריקע. דאַן — האַלט לאה סלאָווין — וועלן די אַמעריקאַנער זיין די סעלעקטאָרן — און נישט די ישראלים.

✶

צום נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקן עלעמענט פון די סאָוויעטישע יידן געהערן די, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט ערשט אין 1940. זיי רעדן יידיש און העברעאיש. זייער גייסטיקע פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק האָט זיך נישט איבערגעריסן. אין ישראל געפינט די פאַרבינדונג איר קאָנטינואיטעט.

דאַקעגן — די סאָוויעטישע יידן, וועלכע קומען פון די אַלטע, רוסישע שטעט, זענען ווייט פון יידישקייט און יידישער פּראָבלעמאַטיק (שוין אָפּגערעדט פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע). זיי זוכן אַ דירעקטע בריק איבערצוגייין פון רוסיש אויף ענגליש. ביי זיי פעלט איבערהויפּט יעדע נאַציאָנאַלע מאָטיווירונג פאַר אַ נענטערן קאָנטאַקט מיטן יידישן פאָלק און במילא — אַ באַדערפעניש פאַר וועלן פאָרן קיין ישראל. (פאַרשטייט זיך — עס זענען דאָ אויסנאַמען אויך).

פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער וויכטיקייט — איז ישראל דאָס איינציקע לאַנד, ווו זיי אָדער זייערע קינדער וועלן זיין יידן נישט בלויז לויט דער מעטריקע — נאָר מיטן פולן יידישן באַוווסטזיין. מיט זייער עמיגרירן אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער ווערן זיי פאַרפאַלן פאַרן יידישן פאָלק.

דער הומאַניטאַרער שטאַנדפּונקט (און אויף אים באַזירן זיך די אַרגומענטן פון די אַמעריקאַנער יידישע פירער) גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אַלע יידן־פּליטים דאַרף מען העלפן. עס איז נישט די אויפגאַבע פון העלפער צו אַנאַליזירן די נאַציאָנאַלע געפילן פון פּליטים. מיר דאַרפן ראַטעווען דעם נפש.

✶

מיר זענען שוין געוווינט, אַז אין יידישן פאָלקס־לעבן קומט קיין זאַך נישט אָן לייכט.

מיר — ווי יידן — וואָס האָבן תמיד אַפּעלירט צו דער וועלט, פאַררופנדיק זיך אויף הומאַניטאַרע פּרינציפּן און געפילן — געפינען זיך אַליין אין אַ דילעמע צווישן הומאַניזם און נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

# אַ באַדויערנדיקע דערשיינונג

סעם ליפּסקי

עס איז געווען אַ טרויעריק בילד — צו זען ווילי בראַנדטן זיצן נעבן קרייסקין, בשעת ביידע מלוכה־מענער, פירער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן מיט גרויס כבוד אויפגענומען יאַסיר אַראַפאַטן.

עס איז געווען אַ טרויעריקער טאָג פאַרן דעמאָקראַטישן אינטערנאַציאָנאַל, פאַר עסטרייך און פאַר מערב־דייטשלאַנד — די צוויי לענדער וועלכע זענען נאָך אַלץ שולדיק אַ מאָראַלישן חוב דעם יידישן פאָלק, און דער געשיכטע; אָבער קודם כל איז עס געווען אַ טרויעריקער טאָג פאַר ווילי בראַנדטן פערזענלעך. קרייסקי האָט קיינעם נישט איבעראַשט. זיין קראַנקהאַפטער זעלבסט־האַס, ווי אַ ייד — איז אַן ענין פאַר פּסיכאָלאָגן. אָבער בראַנדט האָט דאָך געהאַט פאַרדינט אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער געשיכטע. ער איז געווען דער ערשטער דייטשער פירער וועלכער איז געפאַלן אויף די קני אין אוישוויץ, ווי אַן אויסדרוק פון שלאָגן זיך על־חטא; אַ זשעסט וואָס זאָגט זייער אַ סך. דורכן צוזאַמענטרעף אין ווין וועט זיין זשעסט, פאַר אַ סך יידן אין ישראל און אין דער וועלט, ווערן אַנולירט. עס איז אויסער יעדן צווייפל, אַז ער האָט דעם צוזאַמענטרעף באַגלייט מיט אַ פאַרזיכערונג פון זיין פריינדשאַפט פאַר ישראל און פאַר די יידן מחוץ ישראל. עס זענען אָבער פאַראַן האַנדלונגען, וועלכע טרעטן אַריבער די דערלויבטע גרענעצן.

רעדן וועגן לעגיטימע רעכט דער פ.ל.אָ., בעת אַראַפאַט זאָגט זיך אָפּ פון צוריקטרעטן אין שריט אַפילו פון זיין קראַנקער וויזיע אומצוברענגען ישראל; און ווען ער רעדט מיט ווילדן האַס וועגן אָפּהאַקן די הענט פון קאַרטערן, סאַדאַטן און בעגינען צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ שלום־אָפּמאַך — דאָס איז דאָך אַזאַ האַנדלונג!

עס איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אַלע פאַרטייען אין ישראל זאָלן ווערן אויפגעבראַכט, חוץ פאַרשטייט זיך די, וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיט דער פ.ל.אָ.

צום באַדויערן איז די איינסקייט ביי ישראלים וועגן אַ „קעגן" נישט אַזוי אויסגעברייטערט, ווי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ „פאַר". דאָס הייסט, אַז די קעגנערשאַפט צו בראַנדטס און קרייסקיס פייערונגען פאַר אַראַפאַטן, קאָן נישט האָבן דעם זעלבן איינפלוס אין אַנדערע לענדער, ווו רעגירונגען באַטראַכטן שוין די מעגלעכקייט פון ענלעכע צוזאַמענטרעפן מיט דער פ.ל.אָ.

אין וואַשינגטאָן זענען שוין אַפילו דאָ סימנים, ווי אויך אין מערב־אייראָפּע, אַז דער קלימאַט איז צוגעגרייט פאַר אַן איבערחזרונג פון דער ווינער „פאַרשטעלונג". אַראַפאַט אין ווייסן הויז?... אין עליזיי־פּאַלאַץ?... אַ טרעפונג מיט דער ענגלישער קעניגין?...

אויב די אונטערשטיצערס פון ישראל ווילן נישט אַז צו דעם זאָל דערגיין, מוז מען דערמוטיקן ירושלים צו קוקן אין אירע אייגענע דלד־אמות איבער דער גרויס פון קאָנפליקט און זוכן אַן אינערלעכן אַלגעמיינעם הסכם, וואָס וועט זיי שטאַרקן קעגן די אויסערלעכע שונאים.

מאַרק ב.

# הומאַניזם און נאַציאָנאַלע אינטערעסן

סאָוויעטישע מענטשן האָבן שלום געמאַכט מיטן גורל — אַז זיי לעבן אין אַן אָפּגעשלאָסענער געזעלשאַפט, אָן וועלכער ס׳איז נענטערער פאַרבינדונג מיטן מערב. מערבדיקע צייטונגען האָבן קיינמאָל נישט דערגרייכט דעם סאָוויעטישן לייענער; מערבדיקע ראַדיאָ־אויִדיציעס זענען נישט דערגאַנגען, פשוט צוליב דעם, וואָס עס זענען נישט געווען קיין אינדיווידועלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אויב עמעצן איז געלונגען אַרויסצוקריגן זיך קיין אויסלאַנד, האָט יענער געמוזט „אויסקלייבן די פרייהייט" — דאָס האָט געמיינט: בעטן אַזיל־רעכט, כדי נישט דאַרפן זיך צוריקקערן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

מיטאַמאָל האָבן זיך די טויערן צעעפנט, און טויזנטער סאָוויעטישע יידן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אויפן וועג קיין ישראל. עס זאָגט זיך בלויז — מיטאַמאָל. פאַקטיש האָבן יאָרן־לאַנג מענטשן אין מערב דעמאָנסטרירט לטובת די סאָוויעטישע יידן; עס זענען פאָרגעקומען אינטערווענצן פון פראָמינענטע פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן; מ׳האָט דיסקוטירט וועגן דעם אין אַמעריקאַנער סענאַט און געפאָדערט באַגרענעצן דעם האַנדל מיט סאָוויעט־רוסלאַנד צוליב זייער באַהאַנדלען די יידן; די יידן (און פּראָמינענטע נישט־יידן) האָבן אַרויסגעוויזן זייער אומצופרידנקייט מיטן גורל פון די סאָוויעטישע יידן, וועלכע געפינען זיך אין קלעם צוליבן דרוק פון אומצוטרוי לגבי זיי פון דער רעגירונג (פּאָטענציעלע אָנהענגער פון מערב) און דעם פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם פון די מאַסן, וועלכע האָבן אויסגעלאָזט צו די יידן זייער ביטער האַרץ, ווייל מען מעג שוין...

און דאָך איז עס געשען מיטאַמאָל. ווייל נאָך אַלעמען איז געווען ווייניק האָפענונג, אַז די סאָוויעטישע הערשער, וועלכע האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זייער צולהעיס׳דיקע האַרטקייט — האָבן מיטאַמאָל פריי געלאָזן טויזנטער סאָוויעטישע יידן.

די דערשיינונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סך פרייד פון די יידן אין דער וועלט. סאָוויעטישע יידן זענען געפאָרן קיין ישראל. די יידן האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי קערן זיך אום אַהיים; די יידן אין דער וועלט האָבן זיך געפרייט מיט זייערע אָפּגעפונענע ברידער, מיט וועלכע מען קאָן פריי, אָן מורא אָנקניפּן קאָנטאַקטן. מען האָט דערוואַרט, אַז דער נייער, אייראָפּעאישער שטראָם וועט פאַרשטאַרקן דעם אשכנזישן טייל פון ישראלדיקן ישוב, וואָס הויבט אָן ווערן אַ מינדערהייט, און עס וועט אַלץ שווערער אויפצוהאַלטן ישראל — ווי אַ טייל פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע.

מיט דער צייט האָבן זיך אין די דערוואַרטונגען גענומען אַריינכאַפּן עלעמענטן פון צווייפל. סטאַטיסטישע ציפערן האָבן גענומען באַווייזן, אַז די גרעסטע צאָל רוסישע יידן באַזעצן זיך אין לענדער — אויסער ישראל.

צוליב דער דאָזיקער דערשיינונג האָבן זיך לעצטנס פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן דער יידישער אַגענץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט עליה — און די אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס ווי דער „דזשאָינט" און דעם „האַיאַס", אויף וועלכע מען לייגט די שולד פאַר דער פאַרקלענערטער עמיגראַציע קיין ישראל.

אַז די רייבונגען טראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער, קאָן מען דרינגען דערפון, וואָס די ישראל־רעגירונג (און דער פּרעמיער בעגין) האָבן זיך דירעקט אַריינגעמישט אין דעם ענין.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטעס: די אַמעריקאַנער יידישע פירער, וועלכע גייען בדרך כלל אויפן האַנט דער ישראל־רעגירונג און שטיצן איר פּאָליטיק (מיט מער אָדער ווייניקער ענטוזיאַזם) האָבן דאָס מאָל זיך האַרטנעקיק אַנטקעגן געשטעלט.

וועגן וואָס האַנדלט זיך עס אייגנטלעך ?

די ישראל־רעגירונג באַהויפּטעט, אַז היות ווי אין ווין און אין רוים זענען טעטיק די ביוראָען פון „דזשאָינט", וואָס העלפט מאַטעריעל די רוסישע יידן, און דער „האַיאַס" — וואָס דערלידיקט זייערע עמיגראַציע־ענינים — ווילן די יידן בעסער צוואַרטן עטלעכע חדשים כדי צו פאָרן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע אָדער אויסטראַליע — איידער פאָרן באַלד קיין ישראל. דעריבער פאַרלאַנגט די ישראל־רעגירונג, אַז די ביידע אינסטיטוציעס זאָלן אָפּשטעלן זייער טעטיקייט. דאַן — גלויבט זי — וועלן די יידן פאָרן דירעקט קיין ישראל.

די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס האַלטן זיך אָבער ביי זייער פּרינציפּ: — מיר העלפן אַלע יידן, ווו זיי זאָלן נישט זיין, און וואַהין זיי זאָלן נישט וועלן עמיגרירן. עס איז דאָס רעכט פון יעדן יידן זיך אויסוויילן אַ לאַנד פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

די קאָנפערענצן צווישן די פאַראינטערעסירטע קערפּערשאַפטן האָבן דערווייל קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט. אויף דער לעצטער קאָנפערענץ האָט דער פּרעמיער בעגין פאָרגעלייגט, אַז בלויז די יידן, וועלכע האָבן נאָענטע קרובים אין אַמעריקע, ווי עלטערן, קינדער, מענער אָדער פרויען — זאָלן געניסן פון דער הילף פון „דזשאָינט" און „האַיאַס".

לאה סלאָווין — אַן אַדוואָקאַט פון ריגע, וואָס וווינט שוין אין ישראל איבער 10 יאָר, און אַצינד פירט זי אָן מיטן רוסישן עליה־דעפּאַרטמענט ביי דער אַגענץ, נעמט אָן, אַז אַזאַ פאָרשלאַג איז צו דראַסטיש און קאָן האָבן ערנסטע קאָנסעקווענצן. דער פּראָצעס פון סעלעקטירן וואָלט געווען אַ סך אַ שטרענגערער — ווי די רוסן אַליין פירן דורך. די רוסן גיבן אַרויס וויזעס קיין ישראל צו די יידן, וועלכע האָבן סתם קרובים, און נישט דווקא פון דער

וואָס עס ווערט אויסגעדריקט דורכן סימבאָל פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

נישט קוקנדיק וואָס די פאָרשטייער פון „קדימה" האָבן געטאָן דאָס בעסטע — סיי אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זינען און סיי אין דער פּראָגראַם־אויספירונג — האָט זיך טיילווייז געפילט, אַז געוויסע אָנפירנדע באָאַרד־פאָרשטייער האָבן געהאַט געוויסע פאָרבאַהאַלטן צו דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון די יידיש וועלטלעכע פאָרשטייער, וואָס האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, אַז די געטאָ־אַקאַדעמיעס זאָלן זיין אין זייער פולער חשיבות און וואָס מער אָנטיילנעמער זאָלן זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער פאָלקס טרויער־אַקאַדעמיע.

די אָנפירנדיקע „באָאַרד"־פאָרשטייער (וועלכע שאַפן די מערהייט) האָבן נישט רעאַגירט אויף חתונות מיט דער באַטייליקונג פון כלי־זמרים, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין דעם טרויער־טאָג; זיי האָבן אויך נישט רעאַגירט אויף פאַרשיידענע „קאָקטייל" און קאָרטן־פּאַרטיעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם זעלבן טאָג אין פאַרשיידענע יידישע הייזער און יידישע לאָקאַלן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ טייל פאָרשטייער פון „באָאַרד" האָבן טיילמאָל אָפּגעפרעגט די „כשרות" פון געוויסע גאַסט־רעדנער צו די געטאָ־אַקאַדעמיעס, וואָס די יידיש־וועלטלעכע פאָרשטייער האָבן פאָרגעלייגט. געווען אַ פאַל פון עפנטלעכער קריטיק אויף זיצונגען פון באָאַרד וועגן אַ רעדנערין, וועלכע האָט נישט דערמאָנט מדינת ישראל אין איר עליגישער־אינהאַלטסרייכער טרויער־רעדע.

עס איז דעריבער געווען פאַרשטענדלעך, אַז די „פאַרעווע" רעאַגירונג מצד די מערהייטס־פירער פון „באָאַרד" צו דער פאַרשוועכונג פון נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג און אויך די „טרוקענע" באַציאונג צו דער אָרגאַניזאַציע און פּראָגראַם אויספירונג פון דער געטאָ־אַקאַדעמיע, וואָס איז אויסשליסלעך געמאַכט געוואָרן פון די יידיש־וועלטלעכע פאָרשטייער ביי דער „קדימה" מיט דער מיטהילף פון קאַצעטלער־ און פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד — האָבן געבראַכט נישט קיין געהעריקע רעזולטאַטן און פון יאָר צו יאָר אַלץ ווייניקער געוואָרן די באַטייליקטע אויף די געטאָ־אַקאַדעמיעס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן, אַז די זכרון־אַטראָפּיע, וואָס האָט זיך אָנגענומען אין געוויסע קרייזן פון די „אַנגלאָ דשואיש באָאַרד"־פאָרשטייער הייבט אויך אָן טיילווייז צו פאַרכאַפּן די יידן, „וואָס זענען אין טרעבלינקע יאָ געווען!"

דער לעצטער באַשלוס פון דער „ירושה־קאָמיסיע" ביים „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" אין מעלבורן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער זיצונג, מיטוואָך, דעם 8טן אויגוסט ד.י. צו באַשטימען אַ שבתדיקן אָוונט איינצואָרדנען די געטאָ־אַקאַדעמיע, האָט בולט באַוויזן, ווי אַזוי די פּני העיר פון יידיש מעלבורן פאַרמינערן דעם כבוד פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג מיט אַזעלכע האַנדלונגען... און לאָמיך דאָס באַווייזן מיט באַרעכטיקטע און לאָגישע מאָטיוון.

דאָס רוב מנין פון די „באָאַרד"־פאָרשטייער, וועלכע ציטערן און פלאַטערן פאַר יעטוועדער קליינער פאַרשוועכונג, אָדער פאַרמינערונג פון יידישן דת, ווייסן זייער גוט — און אויב זיי ווייסן נישט קענען זיי זיך אָנפרעגן ביים היגן בית־דין — אַז אויב תשעה באב אָדער אַן אַנדערער רעליגיעזער טרויער־טאָג פאַלט אויס אין שבת, האָט מען דאָס איבערגערוקט אויף זונטיק. „נדחה" הייסט עס ביי די רעליגיעזע יידן. די רעליגיעזע מנהיגים פון אַמאָליקע צייטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז שבת — איז, סיי פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט און סיי פון פאָלקישן כאַראַקטער א טאָג פון מנוחה און שלווה און מען דאַרף נישט זיין אין עצבות דעם דאָזיקן שבת־טאָג. זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז די אָנטיילנעמער — פון אַזאַ רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג — וועלן אין אַ שבתדיקן טאָג זיין אין זייער אַ קליינער צאָל, האָבן זיי מיט אַ לאָגישן פאַרשטאַנד איבערגערוקט דעם יידישן פאָלקס־טרויער פון שבת אויף זונטיק.

טאָ פרעגט ביי אונדזערע כלל־טוער פון היגן „באָאַרד", וועלכע היטן זיך אויס פאַר יעטוועדער רעליגיעזער אָפּווייכונג, צי ווייסן זיי נישט, אַז אין די שבתדיקע אָוונטן קומען אין יידישע לאָקאַלן און אין פּריוואַטע הייזער פאַרשיידענע „פּאַרטיעס" און פאַרווייַלונגס־אונטערנעמונגען, וואָס וועט נישט בלויז פאַרמינערן די צאָל אָנטיילנעמער אין דער געטאָ־אַקאַדעמיע, נאָר וועט אויך פאַרשווערן דעם כבוד און אָנדענק פון די 6 מיליאָן?

איז דאָס נישט אַ רינגעלע אין דער זכרון־אַטראָפּיע, וואָס מען קען אָנרופן שוין גענוג?!

„איז טאַקע אייך שוין דער איכה־ניגון
פון די 6 מיליאָן דערעסן?
און מען דאַרף שוין אויפהערן צו דערמאָנען
נישט פאַרגעבן און נישט פאַרגעסן?

## סאַלוט צו די יידיש־ענטוזיאַסטן!

אין דער גאַנצער דיסקוסיע — יידיש און דער יונגער דור — טוט זיך אַ רייס אַריין אַ פּרעכטיקער זשורנאַל אויף יידיש — אַרויסגעגעבן פון דער משפחה באָטוויניק אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) און דער הויפּט־שרייבער און רעדאַקטאָר איז דוד באָטווויניק, דער זעלבער וואָס האָט רעפּרעזענטירט די „יונגע" אויף דער ירושלימער יידיש־קאָנפערענץ. ער איז אַ סטודענט, און דאַן זיין ברודער און שוועסטער — פון דער ביאַליק־שול. זיי פילן אויס די 32 זייטן פון דער דאָזיקער פּראַכט־אויסגאַבע, מיט הומאָר, דערציילונג און ליד; צייכענונגען און יידיש־לעקציעס.

שיקן מיר זיי איבער אונדזערע האַרציקסטע ברכות — און ווינטשן זיי (און זיך) דער זשורנאַל זאָל אָנקלאַפּן אין אַ סך יידישע היימען (און הערצער) און די יוגנט זאָל אליין נעמען דעם ענין יידיש אין זייערע הענט.

י. אַרבאַך

# שוין גענוג...

„מער ווילט איר מיך נישט הערן
שוין גענוג אייך גרויל און טרויער
עס שטערן אייך מיינע טרערן
און דאָס געוויין פון געטאָ־מויער"

איך האָב געבראַכט די 4 פערזן־שורות וואָס זענען געשריבן געוואָרן „מיט בליי און מיט בלוט" — ספּעציעל, בכדי צו פּאַראַפראַזירן דעם לעצטן „שוין גענוג" באַשלוס פון דער „ירושה־קאָמיסיע" (אזוי רופט זיך היינט די אַמאָליקע געטאָ־קאָמיסיע) ביים היגן „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" וועלכע האָבן באַשטימט, אז די געטאָ־אַקאַדעמיע אין יאָר 1980 זאָל פּאָרקומען אין אַ שבתדיקן אָוונט, וואָס פאַלט אויס ערב כ״ז ניסן תש״מ און נישט ווי עס האָט זיך געפירט ביז איצטער אין אַ זונטיק, וואָס פאַלט אויס אין יאָר 1980 פונקט די אָנגענומענע טרויער־דאַטע כ״ז ניסן!

עס איז „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד", אַז די פאָרשטייער, וועלכע באַשטימען די פּראָצעדור פון מעלבורנער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס (וואַלן און נאָמינאַציעס צום עקזעקוטיוו) זענען דאָס רוב—אין געזעלשאַפטלעכן זינען—נישט די געהעריקע רעפּרעזענטאַנטן פון היגן יידישן ישוב. דער פאַקט אָבער איז, אז לויטן אַרכאַישן „דזשואיש אַנגלאָ" פּרינציפּ, זענען די מיטגלידער פון „באָאַרד" כלפּי־חוץ און טיילוויז אין היגן יידישן לעבן, די פאָרשטייערשאַפט פון דעם גאַנצן מעלבורנער יידישן ישוב.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויב מען איז „געווילט" אָדער „באַשטימט" לויט אַן אַרכאַישן מעטאָד, דאַרף מען אויך זיין אַרכאַיש אין אַ גאַנץ רייע פאַלן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. עס איז טיילמאָל דערגאַנגען דערצו אַז די דאָזיקע „דאָזאָרעס" פון דער היגער יידישער קהילה האָבן זיך דערלויבט צו האַנדלען נישט געזעלשאַפטלעך מיט דעם, וואָס מערהייט פאָרשטייער פון „באָאַרד", האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו קוואַליפיצירן יידישע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער, ווער עס איז אַנטי־רעליגיעז און אויך ווער עס איז אַן אַנטי־ציוניסט... ספּעציעל זענען די „קאָראָבקע" האַנדלונגען ארויפגעשוווּמען ביי דער קולטור־אונטערנעמונג (דער צווייטער סדר), וואָס די „קדימה" האָט איינגעאָרדנט פאַר די יידיש־רוסישע עמיגראַנטן און אויך ביי דעם קאָנפליקט צווישן דער יידישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „סקיפּ" מיט די פירער פון „נאָרד איסטערן צענטער".

דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר, צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון „קדימה" האָבן כסדר אויף די זיצונגען פון „באָאַרד" מינדלעך און שריפטלעך אויפגעוויזן, אַז דער יידישער ישוב אין מעלבורן ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער דיפערענצירט און במילא קען מען נישט און אויך דאַרף מען נישט אָנווענדן אַן אַלגעמיינעם נוסח... פאַר דעם גאַנצן היגן יידישן לעבן.

אַלע באַרעכטיקטע און לאָגישע אַרגומענטן פון די יידיש־וועלטלעכע פאָרשטייער אין „באָאַרד" האָבן נישט דערגרייכט צו די אויערן פון דער מערהייט פון דער פאָרשטייערשאַפט אין דעם „באָאַרד" און עס איז געווען „גערעדט צו דער וואַנט".

אָבער אויף איין געביט האָבן די יידיש־וועלטלעכע פאָרשטייער מיט די פאָרשטייער פון „קדימה" אין דער שפּיץ, זיך פאַראייניקט מיט דער מערהייט פון „באָאַרד". און דאָס איז: דאָס צוגרייטן און איינאָרדענען די יערלעכע געטאָ־אַקאַדעמיע אין דער אָנגענומענער טרויער־דאַטע כ״ז ניסן. די „קדימה"־פאָרשטייער צוזאַמען מיט דעם יידישן קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד האָבן פאַרשטאַנען, אז יעדער ייד — רעליגיעז אָדער וועלטלעך — אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי־אידעאָלאָגישער און געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנגעהעריקייט, האָט אַ חלק אין אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן און עס גילט פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם די פליכט אויפצוהאַלטן די הייליקייט און אָפּגעבן כבוד לגבי דעם אומקום פון 6 מיליאָן קדושים, וועט זיין נאָך איין טריומף פאַר דער איסלאַמישער וועלט (צום שאָדן פון דער מערב־ציוויליזאַציע) ווי עס איז געווען די איסלאַמישע רעוואָלוציע אין איראַן.

דער כוח־באַלאַנס פון דער וועלט האָט זיך אָבער איבערגערוקט. נישט די אַטאָם־באָמבע איז געוואָרן די אָפּשרעקונגס־קראַפט פאַר דער פאַרניכטונג פון די דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט — נאָר דער נאַפט — וועלכער געפינט זיך אין די הענט פון די געלט־גייציקע אַראַבישע שייכן. פון זייערע מאַניפּולאַציעס איז ערשט אָפּהענגיק דער קיום פון דער מענטשהייט. אונטערן אויסרייד פון איינשטעלן זיך פאַר מענטשן־רעכט (פּאַלעסטינעזער) שרויפן זיי אַרויף די פרייזן פון לעבנסוויכטיקן נאַפט; איבן אויס אַ פּאָליטישן דרוק, כדי די מערב־לענדער זאָלן צווינגען ישראל צו קאַפּיטולירן לגבי די אַראַבער. אין די אַראַבישע לענדער אַליין הערשט אַ מורא פאַר די ראַדיקאַלע פּאַלעסטינער און זייערע טעראָריסטישע דערפּאַרונגען. זיי האָבן אַן אומווילן צו לאָזן זיי זיך איינגלידערן אין זייערע לענדער, צווישן זייערע ברידער. דעריבער ווילן די אַראַבער זיי האָבן ערגעץ ווו ביי דער זייט פון מדינת ישראל.

די לעצטע קרבנות פון דעם שאַנטאַזש זענען געפאַלן די פירער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (וועלכע זענען גלייכצייטיק אָנגעזעענע מלוכה־מענער פון עסטרייך און דייטשלאַנד) ווילי בראַנדט און קרייסקי.

און אַזוי נעמען זיך אַרום די הענט איינגעטונקט אין מענטשלעך בלוט און די הענט אין ווייסע, דיפּלאָמאַטישע הענטשקעס — און אין דעם קרייז צאַפּלט אַ וועלט, וועלכע וויל נישט אומקומען — אָבער וויל אויך גאָרנישט טאָן כדי צו בלייבן לעבן.

מ. א.

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פֿון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

סעפטעמבער־אָקטאָבער 1979 | נומער 8 (19) | מעלבורן, אויסטראַליע

# טעראָר אין ווייסע הענטשקעס...

די ציוויליזירטע וועלט מיט אירע טעכנישע דערגרייכונגען, וויסנשאַפטלעכע דערפֿינדונגען, מעדיצינישע אויפֿטוען, שטייט אַן אומבאַהאָלפֿענע פּנים־אל־פּנים מיט אַ מגפה — וואָס הייסט טעראָריזם, און קען זיך נישט קיין עצה געבן.

די דאָזיקע געוויסנלאָזע פֿאַרענטפֿערונג, איז שווער אַראָפּצושלינגען. קען נישט?! האָט דאָך די דאָזיקע אינסטאַנץ, דער פֿאַרלאַמענט פֿון די פֿעלקער — די יו־ען — וואָס דאַרף שטיין אויף דער וואַך פֿון אָפּהיטן גערעכטיקייט; אויסמיידן מלחמות; נישט דערלאָזן, אַז שטאַרקע פֿעלקער זאָלן עקספּלאָאַטירן שוואַכע פֿעלקער — די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט אָפּגעגעבן איר פּלאַטפֿאָרם און צוגעטיילט פּריווילעגיעס יאַסאַר אַראַפֿאַטן, דעם פֿירער פֿון דער גרעסטער טעראָר־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט — דער פּ.ל.אָ. מיט דער דאָזיקער האַנדלונג האָט די יו־ען לעגאַליזירט טעראָר אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

די פּ.ל.אָ. — וואָס דאַרף קעמפֿן פֿאַר די רעכט פֿון די פּאַלעסטינער פּליטים, איז די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע וואָס באַזאָרגט מיט געווער (סאָוויעטיש?) די אירלענדישע נאַציאָנאַליסטן; די איטאַליענישע רויטע בריגאַדע; די דייטשע באַדער מאַנהאָף באַנדע; די יאַפּאַנישע רויטע אַרמיי. אין די אַראַבישע לענדער, ווו די פּ.ל.אָ. האָט אירע באַזעס, ווערן טרענירט און צוגעגרייט די מערדער פֿון אומשולדיקע מענטשן — מערדער, וועלכע באַרעכטיקן זייער מאָרד אין נאָמען פֿון אַן אידיי, כאָטש ווי עס זעט אויס, איז די אידיי נישט דער ענד־ציל, נאָר מאָרד, אַ ציל — אַן און פֿאַר זיך.

צו די מאָרדן פֿון אומשולדיקע קינדער אין ישראל האָט די וועלט זיך צוגעקוקט — ווי פֿריער, צו די נאַצישע מאָרדן — מיט גלייכגילטיקייט, אויב אפֿילו דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט לפּנימדיקע פּראָטעסטן, אָבער ממשותדיק האָט קיינער נישט פּרובירט רעאַגירן.

די דעה־זאָגערס אין דער וועלט זענען געבליבן קאַלט צו אידי אַמינס פֿאַרברעכנס און זענען הילפֿלאָז צו די מאַסן־צעשיסונגען — אין נאָמען פֿון אַללאַ — וועלכע ס'פֿאַראָרדנט דער איאַטאָלאַ כאָמייני אין איראַן.

באָמבעס רייסן אויף אין ירושלים, אין תל־אביב, בריסל און אַנקאַראַ, ביירוט און שווייץ. די טעראָריסטן האָבן פֿאַרשידענע נעמען, רעדן פֿאַרשידענע שפּראַכן — אָבער זייער אינספּיראַציע און זייער געווער און פֿינאַנסן קומען פֿון די זעלבע טייוולאָנישע אונטערשטיצער, וועלכע זייען כאַאָס און פּאַניק אין דער וועלט. דאָס זענען די זעלבע, וואָס שיצן די טעראָריסטן, ווו די טעראָריסטן געפֿינען אַזיל־רעכט, כדי זיי שפּעטער ווידער לאָזן אין צירקולאַציע.

די פּאָפּולאַריטעט פֿון טעראָר און טעראָריסטן האָט שוין באַוויזן אַרומגענומען צו ווערן מיטן אָרעאָל פֿון העלדישקייט. מ'רעדט וועגן זיי מיט אָנערקענונג פֿון דער יו־ען טריבונע. דאָס האָט אַפֿילו אָנגעשטעקט די פֿירער פֿון די נעגער אין אמעריקע. ענדריו יאַנג, דער פּרעסטיזשפֿולער פֿאָרשטייער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער יו־ען האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, צו טרעפֿן זיך מיט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פּ.ל.אָ. נאָך יאָרן אָנגעשטרענגטן קאַמף פֿאַר נעגער־רעכט אין אַמעריקע, צו וועלכן יידן האָבן בייגעשטייערט נישט ווייניק קרבנות (אויסער פֿינאַנסיעלע מיטלען) האָבן זיך אַצינד די נעגער־פֿירער דערקלערט אין ליבע דער פּ.ל.אָ.

האַנט אין האַנט מיטן בלוטיקן טעראָר מאַרשירט דער טעראָר אין ווייסע הענטשקעס, וועלכן מ'רופֿט אָן מיט אַן אַנדער נאָמען פֿון דעם זעלבן קרימינעלן לעקסיקאָן: „בלעקמייל״־שאַנטאַזש.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן אַקאָרד פֿון אויפֿרייסן די אַטאָם־באָמבע איבער הירעשימאַ (יאַפּאַן). די מענטשהייט האָט געגלויבט, אַז דאָס איז דער לעצטער אַקאָרד פֿון דער בלוטיקער דראַמע, אין וועלכע פֿעלקער זענען געווען פֿאַרוויקלט; אַז די אַטאָם־באָמבע וועלכע געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דעמאָקראַטישן לאַגער (אַמעריקע) וועט זיין דער אָפּשרעקונגס־מיטל פֿאַר יעדן מין אַגרעסיע; עס וועט צוימען די אַפּעטיטן פֿון די — וועלכע ווילן פֿאַרשלינגען אַ וועלט.

די אַטאָם־באָמבע געפֿינט זיך שוין הייַנט אין רשות פֿון מערערע לענדער — ווי מ'האָט זיך עס געקאָנט פֿאָרשטעלן. אפֿילו אַזאַ אָפּגעשטאַנען און אָרעם לאַנד ווי פּאַקיסטאַן וועט אַ שיינעם פֿרימאָרגן איבערראַשן דער וועלט מיט איר אייגענער אַטאָם־באָמבע, פּראָדוצירט מיט דער הילף פֿון די מיליאָנען אַראַבישע פּעטראָ־דאָלאַרן. דאָס



די „קדימה״ לאַדנט איין די יידישע באַפעלקערונג אָנטיילצונעמען
אויף

# אַ פייערלעכן קבלת־פּנים

לכבוד דעם סאָוויעטישן דיכטער, וועלכער קומט פון ישראל

# יוסף קערלער

די אויפנאַמע קומט פאָר זונטיק, דעם 14טן אָקטאָבער, 8 אָוונט ביי געדעקטע טישן אין לעאָ פינק זאַל פון „קדימה״.

ביי דער געלעגנהייט וועט דער גאַסט רעדן אויף דער טעמע :

1) די יידישע דיכטונג נאָך דער אַקטאָבער־רעוואָלוציע און איר ווייטערדיקער גורל
2) מאַסן־מאָרד פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד
3) לעצטע באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער־קרושים
4) מיט ליבשאַפט פון ישראל; אַ גרוס פון דער יידישער מדינה; פון יידישע שרייבער און קינסטלער; פון 150 טויזנט עולים פון ראַטנפאַרבאַנד.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — טעראָר אין ווייסע הענטשקעס . . . . . . . . 1
י. אָרבאַך — שוין גענוג . . . . . . . . . . . 2
מאַרק ב. — הומאַניזם און נאַציאָנאַלע אינטערעסן . . . . . . 4
סעם ליפּסקי — אַ באַדויערנדיקע דערשיינונג . . . . . . . . 5
ל. פרידמאַן — מ. אייזענבוד — דער קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור . . . . . . 6
צום אָנדענק פון די דערמאָרדעטע יידישע שרייבער . 8
משה קולבאַק — מאַנטיק . . . . . . . . . . . . 9
י. מ. לעווין — שאָטנשפּיל פון אַרבעטסלאָזע הענט (ליד) . . . . . . 10
דוד מאַטיס — יידישע יוגנט אַנטדעקט יידישן פילם . . . . . . . 11
גוטער גאָלדבערג — די שפּראַך פון יידישן וועלט־פאָלק . . . . . . . 13
י. קערש — יידיש — די שפּראַך פון קיום און המשך . . . . . . . 15
שרה שבת — די אַלטע היים (ליד) . . . . . . . . . . 17
י. מ. לעווין — לשון יידיש — און וואָס ווייטער? . . . . . . . 18
מ. אייזענבוד — ווי וועלטלעך איז ...וועלטלעכע יידישקייט? . . . . . . 19
ש. בענעט — אַן ענטפער דעם פּר' ס. בורשטין . . . . . . . . . 21
י. ז. — יאַנקל קעסלער ז"ל . . . . . . . . . . . . . 22
מעם — י. אָ. — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . . . . 23


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן    נר. 8 (19)    סעפּטעמבער–אָקטאָבער 1979